STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01296

KLASIFITSIRTES AFORIZMEN-ZAMELBUKH

Permanent preservation of this book was made possible
by Thama & Willard Friedman
in memory of
Sara R. & Millard H. Krasne

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג א. גיטלין, ווארשא.

קלאסיפיצירטעס

אפאריזמען-זאמעלבוך

אויסגעוועהלטע געדאנקען פון די בעריהמטעסטע שריפטשטעלער
פון אלע פעלקער און צייטען.

גענזאמעלט און איבערזעצט

דורך

דוד איגעלבערג.

ווארשא. תרע״ב

СБОРНИКЪ АФОРИЗМОВЪ

составилъ Д. I.

ВАРШАВА,

Тип. „Универсалъ“, Варшава, Лешно [illegible]

1912 г.

אינהאלטס־פערצייכניס׃

	זייטע
גאט, רעליגיע	1
נאטור	5
וועלט, מענש, מענשהייט	6
פערשטאנד	11
גייסט, וואונדער, גלויבען	12
צווייפעל, ערפאהרונג, געוואהנהייט	13
וואונש, האפנונג, גליק, אונגליק	14
קלוגשאפט, נארישקייט	17
ארעמקייט, רייכקייט	20
שטארקייט, שוואכקייט	21
פרייד, פערגעניגען	21
עהרע, עהרענליעבע	21
ריהמען, לויבען	22
שמערץ, לײדען, נויט, הארץ	23
מאראליטעט	24
לײדענשאפטען, מעלות, חסרונות	25
גוטעס, שלעכטעס	26
גערעכטיגקייט, אונגערעכטיגקייט	27
דאנקבארקייט, אונדאנקבארקייט	28
אכטונג, פעראכטונג	28
ארבייט, פוילקייט	28
בארמהערציגקייט, נדבה, וואהלטהאט	30
ענערגיע, ווילען, עניוות, שטאלץ	31
איינהייט, מחלוקת	32

אינהאלטס-פערצייכניס.

	זייטע
פריינדשאפט, פיינדשאפט	3
צוטרויען	4
געוויסען, חרטה	5
מוטה, זיוג	6
געפאהר, מורא	7
מעסיגקייט, לוקסוס, מאָדע	7
גאָלד, געלד, חיבות	9
קארגשאפט, פערשווענדונג	10
קנאה, רכילות	11
כעס, פערברעכען, חנופה	12
עגאיזם	13
לאנגוויליגקייט	14
קינדהייט, יוגענד, עלטער	14
לעבען	16
טויט	19
צייט	21
ליעבע, אייפערזוכט	22
הייראטה	25
פרויען	27

אינהאלטס-פערצייכניס.

וויסענשאפט . 3
געלעהרזאמקייט . לערנען . 5
ביכער, לעזער . 6
שריפטשטעלער . 8
ליטעראטור, קריטיק . 9
בערעדזאמקייט . 10
ווארט . 10
פאעזיע . 11
קונסט . 12
מוזיק, טעאטר . 14
זשעני'ע . 15
ווארהייט, אירטהום . 16
פילאזאפיע . 19
דענקען . 23
געדאנק, מיינונג . 23
עצות . 25
וויץ . 25
זכרון . 26
אידעע, אידעאל . 27
געזעלשאפט, ציווילזאציע . 28
איינזאמקייט . 31
שפראך . 32
ערציהונג . 32
געשיכטע . 33
רעכט, טיראניי . 34
געזעץ . 35
נעריכט . 36
פרייהייט . 36
עפענטליכע מיינונג . 37
מאכט . 38
רעגירונג . 38
מיניסטער . 39
דיפלאמאטען . 39
פאליטיק . 40
המון . 40
קריעג . 41
פערשווערענגען . 42

גאָט, רעליגיע. 1 ווען גאָט וואָלט נישט עגזיסטירט, וואָלט מען איהם געדאַרפט ערפינדען (וואָלטער). 2 די ליעבע צו גאָט ווערט ביי אונז אָפט איבערטריעבען ביז האַס צו מענשען (ריקערט). 3 זוכען גאָט קאָנען מיר מיט'ן פער־שטאַנד, געפינען איהם — נור מיט'ן האַרצען (עטוועש). 4 גאָט האָט בעשאַפען דעם מענשען אין זיין געשטאַלט, און דער מענש האָט בעשאַפען גאָט אין זיין גלייבעניש (ליכטענבערג). 5 קיין זאַך איז נישט אַזוי בעקאַנט אויך נישט אַזוי אונבעקאַנט, ווי גאָט (פלעשיע). 6 אָפט מאַכען מיר גאָט פאַר אַ פערמיטלער פון אונזערע געמיינסטע נייגונגען (פיערמאָן). 7 אַנשטאָרט צו זאָגען: גאָט איז נישט אַזוי ווי מיר שטעלען זיך איהם פאָר, זאָגען מיר אָפט: ס'איז קיין גאָט נישטאָ (דידראָ). 8 האָב מורא פאַר גאָט און פאַר אַלע, וואָס האָבען פאַר איהם קיין מורא נישט (פיערמאָן). 9 דאָס וואָרט גאָטעס־דיענסט דאַרף זיך נישט בעציהען אויף געהן אין גאָטעס־הויז, נור אויף גוטליכע טהאַטען (ליכטענבערג). 10 וויפיעל מענשען וואָלטען נישט געגאַנגען אין גאָטעס־הויז, ווען נור גאָט אַליין וואָלט זיי געזעהען (פטיסען). 11 די רעליגיע דאַרף נישט בעפעהלען, נור איבערצייגען (מאָנטע־סקיע). 12 ווער עס בעזיצט וויסענשאַפט און קונסט, דער האָט אויך רעליגיע, ווער עס בעזיצט נישט ביידע, דער זאָל האָבען רעליגיע (געטע). 13 די רעליגיע דיענט דאַצו אונ־זערע פעהלער אויסצובעסערן, גאַנץ אָפט אָבער זעהען מיר דאָס געגענטייל (מאָנטען). 14 רעליגיע שטאַמט פון האַרצען און נישט פון קאָפ (וויעלאַנד). 15 די רעליגיע האָבען מיר פון גאָט, די טעאָ־אָגיע (רעליגיאָנס־לעהרע) פון מענשען (ד'עשערני). 16 מיר זענען גענוג רעליגיעז, אום איינער דעם אַנדערען צו האַסען, דאָך נישט גענוג רעליגיעז, אום איינער דעם

אַנדערען צו ליעבען (סוויפט). 17 אויך דער אַטעאיזם האָט
זיינע פאַנאַטיקער (דיקלאָ). 18 דער אַטעאיזם איז אַ פאָלגע
פונ'ם פאַנאַטיזם (דידראָ). 19 אין אַלע צייטען האָט דער פאַ=
נאַטיזם געבראַכט מעהר שאָדען פאַר'ן אַטעאיזם (וואָלטער).
20 פון צוועלף פאַנאַטיקער איז אייגער אַ משוגע'נער, דער
צווייטער אַ נאַר, אַלע איבריגע=צבועים (מאַלערב). 21 כל
זמן עס וועלען זיין אויף דער וועלט פאַנאַטיקער, וועלען נאָך
אַלץ אין גאָטעס נאָמען געשעהען די שרעקליכסטע טהאַטען
(ווילאַנד). 22 דער וועג צום הימעל איז פערגאָסען מיט
טרעהרען און בלוט, פערשאָטען מיט חורבות און טויטע קער=
פער, אָפּפער פונ'ם פאַנאַטיזם (בואַסט). 23 די קירכע האָט
אַ געזונדען מאָגען: גאַנצע לענדער האָט זי אויפגעגעסען און
זיך קיינמאָל נישט איבערגעגעסען (געטע). 24 די קירכע
דאַרף זיך געפינען אין דער מלוכה, אָבער נישט די מלוכה אין
דער קירכע (נאַפּאָלעאָן). 25 וויכטיגער איז רעטען איין
מענשליכעס לעבען, אַלס בויען אַ זיבענשטאָקיגע פאַגאָדע
(חינעזישע קירכע) פאַר בודדאַ (חינעזישעס שפּריכוואָרט).
26 אין די אַבערגלויבישסטע צייטען זענען אויך די גרעסטע
פערברעכען געשעהען (וואָלטער). 27 דער אַבערגלויבען איז
אַ נאַטירליכע קראַנקהייט פונ'ם מענשען; ער בעהאַלט זיך, ווען
ער זעהט פאַר זיך אַ געפאַהר, אין די פערבאָרגענסטע ווינקע=
לעך, קוים אָבער איז די געפאַהר אריבער, קריעכט ער
ווייטער הערפאָר (געטע). 28 עס גיעבט נישט וועניג מענ=
שען, וועלכע מאַכען צו די אויגען און זעהען מיט די אויערען
(פיערמאָן). 29 מיר נעהמען אָן אַלע אַכזרי'שע מיטלען
לטובת דעם הימעל, ווען מיר געפינען עס בעקוועם פאַר דער
ערד (עדיסאָן). 30 אָמת'ע נביאים געפינען טייל מאָל הייסע
אנהענגער, די פאַלשע—אָבער, געפינען זיי אימער (עשענבאַך).
31 דער פרומאַק ווערט דיק פון זיינע תעניתים (פיערמאָן).
32 עס איז נישטאָ קיין שענערע תפלה, אַלס די, מיט וועלכע
די אַלטע אינדיאַנער האָבען געענדיגט זייערע דראַמאַטישע פאָר=

שטעלונגען; זי לויטעט: „זאָרען אַלע לעבעדיגע בעשעפֿעניסען פֿריי װערען פֿון ליידען!“ (שאָפּענהויער).

נאַטור. 33 די נאַטור איז דאָס אײנציגע בוך מיט װיכטיגען אינהאַלט אויף אַלע זייטען (געטע). 34 די נאַטור קאָן, װי אַ גרויסער פּאָעט, מאַכען מיט די קלענסטע מיטלען די גרעסטע עפֿעקטען. די נאַטור בעזיצט נור זון, בוימער, בלומען, װאַסער און ליבע; פֿאַר יענעם אָבער, װעלכער פֿיהלט אין זײן האַרץ קײן ליבע, האָט אַלעס איבריגע קײן פּאָעטישען װערטה; פֿאַר איהם האָט די זון נור אַ געװיסע צאָהל מײל און דורכשניט, די בוימער זענען גוט אויף הייצונג, די בלומען טײלען זיך אין קלאַסען און דאָס װאַסער איז פֿײכט (הײנע). 35 דאָס, װאָס איז געגען דער נאַטור, פֿיהרט קײנמאָל נישט צום גוטען (שילער). 36 די נאַטור אַן און פֿיר זיך איז לעער, שרעקליך; נור די מענשען מאַכען איהר פֿאַר פֿאַטערלאַנד, פֿאַר װעלט (אויערבאַך). 37 מיר לעבען אין דער נאַטור, מיר זענען איהרע פֿרײנד, זי שמועסט מיט אונז אָהן אויפֿהער, דאָך איהרע סודות ענטדעקט זי אונז נישט, מיר װירקען אויף איהר שטענדיג, דאָך האָבען מיר איבער איהר קײן מאַכט (געטע). 38 ביכער װערען געל, דאָס בוך דער נאַטור אָבער איז אימער גרין; עס ערשײנט יעדעס יאָהר אין אַ נײער אויסגאַבע (אַנדערסען). 39 די נאַטור האָט װיכטיגערע דאגות, אַלס די, צו מיר דאַרפֿען לאַכען אָדער װײנען (לעאָפּאַרדי). 40 אין דער נאַטור איז נישט פֿאַרהאַן קײן שפּרינגען (ליננע). 41 דער מענש איז נישט אין דעם זינען דער ליעבלינג פֿון דער נאַטור, דאָס זי זאָל אַלץ מאַכען פֿאַר איהם, נור אין דעם דאָס ער זאָל מיט דער הילף פֿון די געשענקטע נאַטור־קרעפֿטען אַלײן אַלץ מאַכען פֿאַר זיך (צאַכאַריע). 42 די נאַטור איז, װי דער קרעמער פֿון דער גוטער אַלטער צײט: די בעסטע סחורות שטעלט זי קײנמאָל נישט אַרויס אינ׳ם פֿענסטער (דזשעראָם ק. דזשעראָם). 43 יאָגט אַרויס די נאַטור דורך די טהיר, לויפֿט זי אַרײן דורכ׳ן פֿענסטער (לאַ פֿאָנטען שפּריכװאָרט). 44 אַ נאַטור־געזעץ איז דער שטרענגסטער

אויסדרוק פון נוימווענדיגקייט (מאָלעשאָט). 45 די נאַטור
מעג זיין פערשווענדעריש, אַלע איהרע כלומר'שדיגע מתנות
נעהען סיי ווי סיי צוריק צו איהר. 46 די נאַטור איז גאָט'ס
פרעמיער=מיניסטער (דע בּרעהאַן). 47 די נאַטור איז פאַר
דעם מענשען אַ צוגעמאַכטעס בּוך (מאַסיליאָן). 48 די נאַטור
איז דער ערשטער קינסטלער (בּואַסט). 49 די נאַטור איז אַ
שריפּטשטעלערין, נור נישט קיין בּעגאַבּטע; איהר בּעסטעס ווערק
איז דער מענש (זאַפיר). 50 די נאַטור ווערט נישט פער=
ניכטעט, ווייל יעדער מענש גיט איהר אָב דעם חוב (זאַפיר).
51 ווען דער מענש האָט די מעגליכקייט צו דענקען און קאָן
בּעטראַכטען די זון, די לבנה, די שטערען און געניסען פון
די מתנות פון דער ערד און פונ'ם מער — איז ער נישט איינ=
זאַם און נישט הילפלאָז (עפּיקטעט). 52 דער הימעל, די
בּערג, די חוואַלעס פונ'ם ים זענען אַ טייל פון מיר, פון מיין
נשמה, ווי איך פון זיי (בּייראָן).

וועלט. 53 די וועלט ווערט שענער מיט יעדען טאָג
(אוהלאַנד). 54 די וועלט איז אַ שפּיעגעל, אין וועלכען
יעדער זעהט זיין אייגענעם געשטאַלט (טעקערעי). 55 אַזוי ווי
אין רוים איז אויסער דעם רוימער=פאָלק נאָך געווען אַ סטאַ=
טוען=פאָלק, אַזוי איז אויך אויסער אונזער רעאַלער וועלט נאָך
פאַרהאַן אַ פאַנטאַזיען=וועלט, אין וועלכער די מעהרהייט לעבּט
(געטע). 56 די וועלט וויל זיך לאָזען נאַרען, דאַרום זאָל מען
זי נאַרען (פראַנק). 57 די גאַנצע וועלט איז אַ סצענע, און
אַלע מענער און פרויען זענען שוישפּיעלער (שעקספּיר).
58 די וועלט איז אַ זייגער, בּיי וועלכען די געוויכטער זענען
דאָס געלד, און דער אומרוה — דאָס וויבּליכע געשלעכט
(לעסינג). 59 די וועלט איז אַ ליגנער, זי פערשפּרעכט אונז
דאָס גליק, וועלכעס זי קאָן אונז נישט געבּען (מאַד. דע פּאָמ=
פּאַדור). 60 די וועלט איז אַ ווילד און קאַפּריזנע קינד, וועל=
כעס זידעלט און שלאָגט זיינע לעהרער (בּואַסט). 61 נור
פונ'ם נוצען ווערט די וועלט רעגיערט (שילער).

מענש. מענשהייט. 62 דעם מענשען דאַרף מען נישט

בעֶדויעֶרעֶן נור—העֶלפעֶן (גאָרקי). 63 די גרעֶסטעֶ מעֶנשעֶן זעֶנעֶן
אין איין שוועֶכעֶ מיט זייער יאהר־הונדערט פערבונדעֶן (געֶטעֶ).
64 מעֶן האַלט די מעֶנשעֶן געֶוועֶהנליך פאַר געֶפעֶהרליכעֶר, ווי
זיי זעֶנעֶן (געֶטעֶ). 65 קיין מעֶנש וויל נישט עֶפּעֶס ווערעֶן,
יעֶדעֶר וויל באַלד עֶפּעֶס זיין (געֶטעֶ). 66 יעֶדעֶר מעֶנש האָט
נאָך אויף אַזוי פיעל קראַפט אויסצופיהרעֶן דאָס, אין וואָס עֶר
איז איבעֶרצייגט (געֶטעֶ). 67 ווער עֶס וויל זיין אַ ריכטעֶר
איבעֶר מעֶנשעֶן, מוז אויך לעֶבעֶן ווי אַ מעֶנש (זודערמאַן).
68 דאָס גרעֶסטעֶ רעֶטעֶניש איז דער מעֶנש און זיין לעֶבעֶן
(אַנדרייעֶוו). 69 די מעֶנשעֶן האָבעֶן שטעֶנדיג ליעבער צו
קריטיקירעֶן, ווי צו לויבעֶן (מאַקיאַוועֶלי). 70 דער מעֶנש
בלייבט פערבאָרגעֶן אונטער דער צונג (געֶטעֶ). 71 דער מעֶנש
איז ווי אַ שפיעל־זייגער, עֶטוואָס אַ רוק געֶטהון—און עֶר זינגט
שוין אַנ'אַנדער מעֶלאָדיעֶ (בערנעֶ). 72 אונגליקליך איז דער
מעֶנש, וועֶלכעֶר ווייסט נישט היינט, וואָס עֶר האָט צוטהון
מאָרגעֶן (גאָרקי). 73 קיין איבער־מעֶנש איז נאָך נישטאָ,
דערפאַר איז אָבער פאַראַן געֶנוג אונטער־מעֶנשעֶן (אַנדרייעֶוו).
74 מיר קעֶנעֶן נישט די מעֶנשעֶן, ווען זיי קומעֶן צו אונז, דאַצו
מוזעֶן מיר געֶהן צו זיי (געֶטעֶ). 75 דער מעֶנש דעֶנקט,
גאָט לעֶנקט, איז אויך נישט ריכטיג, דעֶן ווען גאָט וויל לעֶנ־
קעֶן, מאַכט עֶר, אַז דער מעֶנש זאָל נישט דעֶנקעֶן; עֶר נעֶהמט
ביי איהם צו דעֶם שכל (בערנעֶ). 76 די מעֶנשעֶן האָבעֶן אָפט
ליעב צו קריטיקירעֶן דאָס, וואָס זיי פערשטעֶהעֶן נישט (געֶטעֶ).
77 נור יעֶנער מעֶנש איז אַ אונניצליכעֶר, וועֶלכעֶר קאָן נישט
בעֶפעֶהלעֶן, אויך נישט געֶהאָרכעֶן (געֶטעֶ), 78 מיר קאָנעֶן
זיך נישט גוט בעֶפריינדעֶן מיט אַ מעֶנשעֶן, וועֶלכעֶן מיר קעֶנעֶן
אָדער צו פיעל אָדער צו וועֶניג (טאָלסטאָי). 79 ווען די
געֶטער זעֶנעֶן געֶוועֶן מעֶנשליכעֶר, זעֶנעֶן די מעֶנשעֶן געֶוועֶן
געֶטליכעֶר (שילער). 80 דאָס הויפּטזעֶכליכעֶ שטודיום פון
דער מעֶנשהייט איז נור דער מעֶנש (געֶטעֶ). 81 דעֶם מעֶנשעֶן
איז אַ מעֶנש אימער ליעבער ווי אַ מלאך (לעֶסינג). 82 דער
מעֶנש דערקעֶנט זיך נור אינ'ם מעֶנשעֶן, דאָס לעֶבעֶן ווייזט

יעדען, וואָס ער איז (געטע). 83 דער מענש איז דאָס, וואָס
ער עסט (לודוויג פֿויערבאך). 84 דער מענש איז טראָץ
אַלע זיינע חסרונות דאָס בעסטע וואָס איז נור פֿאַרהאַן (געטע).
85 וואָס דער מענש איז, דאָס מוז ער זיין אינגאַנצען (באָדענ=
שטעדט). 86 טיעף דענקענדע מענשען האָבען שטענדיג אַ בעז
אויג אויפ'ן פובליקום (געטע). 87 ווען דער מענש זאָל ערפֿילען
אַלעס, וואָס מען פֿאָדערט פֿון איהם, דאַרף ער זיך האַלטען העכ=
בער, ווי ער איז (געטע). 88 ווען אַ מענש בעטראַכט זיין פֿיזישען
אָדער מאָראַלען צושטאַנד, געפֿינט ער זיך שטענדיג קראַנק (געטע).
89 יעדער מענש האָט עטוואַס אין זיין נאַטור, וואָס, אויב ער וואָלט
עס עפֿענטליך ארויסזאָגען, וואָלט געוויס אַרויסרופֿען צו איהם אַ פֿער=
אַכטונג (געטע). 90 די מענשען וואָלטען זיך געוועהנליך בעסער
געקענט, ווען זיי וואָלטען נישט געשטרעבט גלייך צו זיין איינער צום
צווייטען (געטע). 91 פֿערשטענדיגע מענשען זענען אימער דאָס
בעסטע קאָנווערזאַציאָנס=לעקסיקאָן (געטע). 92 דער מענש דאַרף
זיך אַלע טאָג רעפֿאָרמירען און געגען אַנדערע פּראָטעסטירען
(נישט אין רעליגיעזען זין) (געטע). 93 דעם מענשען דאַרף
מען אָבשאַצען לויט דעם ווירערשטאַנד, וואָס ער שטעלט דער
איבער איהם הערשענדער נאַטור=קראַפֿט (גאָרקי). 94 אָרענ=
טליכע מענשען איז פֿאַרהאַן פֿיעל, דאָס לעבען דאַרף אָבער
האָבען פֿאָלקאָמענע מענשען (גאָרקי). 95 קיין מענש ווייסט
נישט זיין אמת'ן פּלאַץ אין לעבען, און יעדער פֿון אונז קריכט
אין אַ פֿרעמדען חאָמוט (גאָרקי). 96 דער מענש איז אַ בעז=
שעפֿעניש פֿון צוויי וועלטען... (סאָלאָוויאָוו). 97 יעדער
מענש איז אַ וועלט, וועלכע ווערט מיט איהם געבוירען און מיט
איהם פֿערלוירען; אונטער יעדען קבר ליעגט אַ גאַנצע וועלט=
געשיכטע (היינע). 98 יעדער מענש האָט אין זיך אַ נאַר און
אַ שווינדלער: אַ נאַר איז זיין געפֿיהל, און אַ שווינדלער — זיין
פֿערשטאַנד (גאָרקי). 99 אין יעדען פֿון אונז איז פֿאַרהאַן צוויי
מענשען, פֿון וועלכע דער צווייטער קריטיקירט אימער דאָס,
וואָס עס טהוט דער ערשטער (שענקעוויטש). 100 לויט
ווי דער תנ"ך זאָגט אונז, זענען אַלע בעשעפֿענישען אַרויסגעקומען

דורך גאָט'ס: „יהי", נור דער מענש אַליין איז געוואָרען בעשאַפען און געשטאַלטעט (אויערבאך). 101 וועג אָב האַניבאַל'ען און זעה, וויפיעל פונט איז נאָך געבליבען פון דעם דאַזיגען גרויסען פעלדמאַרשאַל, און דאָס איז דאָך אַ מענש, פאַר וועלכען אַפריקאַ איז געווען צו קליין (יוּווענאַל). 102 דער מענש איז אַ גאָט, ווען ער פאַנטאַזירט; אַ בעטלער, ווען ער דענקט, און קוים פערליערט ער די בעגייסטערונג, שטעהט ער ווי אַ פערטריבענער זוהן און קוקט איבער די גראָשענס, וועלכע מען וואַרפט איהם צו (העלדערלין). 103 ס'איז פאַראַן מענשען-געוויקסע, מענשען-טיערע און מענשען-געטער (זשאַן פויל). 104 פון וועמען איז דער מענש? פון גאָט — צו שלעכט, פונ'ם צופאַל — צו גוט! (לעסינג). 105 די מענשען זענען ענליכער צו זייערע צייט-גענאָסען, ווי צו זייערע עלטערן (אַלי). 106 יעדער מענש אונטערשיידעט זיך פונ'ם צווייטען און מיט יעדען טאָג אונטערשיידעט ער זיך פון זיך אַליין (פּאָפּ). 107 נור דורך לייען דערקענט זיך דער מענש, דערקענט זיין בעגרענעצקייט (טאָלסטאָי). 108 דער מענש איז אַ סך־הכל פון זיינע עלטערן און אַמען, אָרט און צייט, לופט און וועטער, קלאַנג און ליכט, נאַהרונג און קליידונג (מאָלעשאָט). 109 מיר האָבען יעצט וועניג גרויסע מענשען, ווייל דאָס מענשליכע געשלעכט איז שטאַרק אונטערגעוואָקסען אין דער לעצטער צייט (קאַסטעלאַר). 110 דער פיזישער וואוקס פון אַ מענשען ווערט בעשטימט דורך די ווייטקייט פון זיין קאָפּ ביז די ערד, דער גייסטליכער וואוקס אָבער — דורך די ווייטקייט פון זיין קאָפּ ביז'ן הימעל (פיערמאָן). 111 אָהן פיעל זאַכען קאָן זיך אַ מענש בעגעהן, נור נישט אָהן אַ מענשען (בערנע). 112 אָבשאַצען אַ מענשען זאָל מען נישט נאָך זיינע פעהיגקייטען, נור לויט דעם, ווי ער נוצט זיי אויס (לאַראָשפוקאָ). 113 די מענשען האָבען ווי געבונדענע ביבער צוויי לעדיגע בלעטער פון אָנהויב און פון סוף: די קינדהייט און די עלטער (זשאַן פויל). 114 מען ערקענט דעם מענשען נאָך דער פרוי, וועלכע ער קלויבט זיך אויס (געטע).

115 דאָס גרעסטע פֿערברעכען פֿונ'ם מענשען איז דאָס, וואָס ער
איז געבוירען געוואָרען (קאַלדעראָן). 116 צוויי הויכע
שטרעבונגען הויבען אויף, ווי צוויי אונזיכטבאַרע פֿליגלען,
דעם מענשען איבער די איבריגע נאַטור: די שטרעבונג צו
אונשטערבליכקייט און די שטרעבונג צו וואַהרהייט (וול. סאָלאָ־
וויאָוו). 117 דריי פֿיערטעל מענשען זענען נור אַפֿען פֿון די
צווישען וועלכע זיי וואוינען (סירזשער). 118 די מענשען
וואָלטען ענטלאָפֿען איינער פֿון אַנדערען, ווען יעדער וואָלט דעם
צווייטען דורך און דורך געזעהען (קאַנט). 119 מיר זענען נאָר
דאָס, וואָס עס מאַכט פֿון אונז די אומגעבונג (העלוועציוס).
120 פֿון דער נאַטור זענען אַלע מענשען גלייך; זיי אונטערשיי־
דען זיך נור דורך ערציהונג (קאָנפֿוציוס). 121 דעם אויבערשטען
טייל פֿונ'ם מענשען האָט גאָט בעשאַפֿען, אַלעם איבעריגע—דער
טייוועל (פּאַטערניאַן). 122 דער מענש איז נישט קיין מלאך
און נישט קיין חיה, דאָס גאַנצע אונגליק איז נור, דאָס ווען ער
וויל פֿון זיך מאַכען אַ מלאך, ווערט ער אַ חיה (פּאַסקאַל).
123 דער מענש איז אַזוי פּוסט און לייכטזיניג, אַז דאָס קלענ־
סטע נאַרעשקייט קאָן איהם אַמוזירען (פּאַסקאַל). 124 פֿון
אַלע ווילדע טיערע איז דער מענש דאָס שרעקליכסטע (ביופֿאָן).
125 נישט דאָס אָרט בעשיינט דעם מענשען, נור דער מענש —
דאָס אָרט (אַגעזילאַס). 126 דער מענש איז שוין אַזוי בע־
שאַפֿען, אַז ער שטרעבט אימער צו דעם, וואָס ער האָט נישט
(זשאָרזש זאַנד). 127 די ווערק פֿון די מענשען זענען בע־
סער אַלס זיי (בואַסט). 128 ס'איז פֿאַרהאַן מענשען נולען,
זיי מוזען איינער האָבען אַ ציפֿרע פֿאַר זיך (באַלזאַק).
129) קלוגע און געבילדעטע מענשען מאַכען ווייניג פֿראַגע־און
אויסרופֿונגס־צייכען (מאָהר). 130 די מענשהייט איז גרויס,
די מענשען זענען קליין (בערנע). 131 פֿערמעהרען דאָס
מענשליכע געשלעכט איז אַ גאַנץ נידריגע אויפֿגאַבע, פֿערבעסע־
רען אָבער די לאַגע פֿון דער שוין עגזיסטירענדער מענשהייט,
אָט דאָס איז די העכסטע אויפֿגאַבע אונזערע (טאָלסטאָי).
132 די גרויסע ירושה פֿון דער פֿאַר אונז עגזיסטירענדער

מענשהייט איז דאס, וואס מיר דארפען שוין נישט מורא האבען פאר חיות, בארבארען, געטער און חלומות (נ י צ ש ע). 133 די טעאלאגען מעגען זאגען, וואס זיי ווילען; די מענשהייט האט דאך פארט מעהר מעלות, ווי חסרונות (ב א ק ל). 134 די מענשהייט טיילט זיך אויף צוויי העלפטען: איינע, וועלכע האט געפונען און איז נישט בעפריעדיגט, די צווייטע, וועלכע זוכט און געפינט נישט.

פערשטאנד. 135 ווער עס האט ביי געוויסע אומשטענדען דעם פערשטאנד נישט פערלוירען, דער האט נישט געהאט וואס צו פערליערען (ל ע ס י נ ג). 136 דער מענשליכער פערשטאנד איז ווי א שכור'ער רייטער, ווען מען האלט איהם צו אויף איין זייט, פאלט ער אויף די אנדערע (ד"ר ל ו ט ה ע ר). 137 דער נאטירליכער מענשען-פערשטאנד קאן אונז דיענען אנשטאדט בילדונג, אבער די בילדונג קאן אונז נישט דיענען אנשטאדט דעם נאטירליכען מענשען-פערשטאנד (ש א פ ע נ ה ו י ע ר). 138 איבער א מענשענס פערשטאנד קאן מען גיכער אורטיילען נאך זיינע פראגען, ווי נאך זיינע אנטווארטען (ד ע ל ע ו ו י ס). 139 דעם מענשענס פעהיגקייטען זענען, לויט ווי עס ווייזט אונז די ערפאהרונג, אונבעגרענעצט, און קיין זאך גיט אונז נישט דאס רעכט צו בעשטימען, זאגאר אין געדאנק, דעם פונקט, וואו דעם מענשענס פערשטאנד דארף זיך אבשטעלען (ב א ק ל). 140 די שענהייט פון מאנספערזאנען איז זייער פערשטאנד; דער פערשטאנד פון פרויענצימער — זייער שענהייט (מ י ד א נ י). 141 יעדער בעקלאגט זיך אויף זיין זכרון, קיינער — אויף זיין פערשטאנד (ל א ר א ש פ ו ק א). 142 דער געזונדער מענשען-פערשטאנד איז דער געניוס פון דער מענשהייט (ג ע ט ע). 143 פארהאן מענשען, וועלכע קארגען מיט זייער פערשטאנד, ווי אנדערע מיט זייער געלד (ב ע ר נ ע). 144 נוצליכער איז ארויסצווייזען דעם פערשטאנד אין דעם, וואס מען פערשווייגט, ווי אין דעם, וואס מען זאגט ארויס (ש א פ ע נ ה ו י ע ר). 145 דער קראפט טרעט מען נור אב, דעם פערשטאנד גיעט מען זיך אונטער (ב ל א נ ק י). 146 אלעס פערשטעהען, הייסט אלעס פערצייהען (מ א ד. ד ע

סטאל), 147 די חיות זענען אָפט קליגער מיט זייער אינ=
סטינקט, ווי מענשען מיט זייער פערשטאַנד (עוורעמאַן).
148 וויפיעל העלדען וואָלטען קיין העלדען נישט געווען, ווען
זיי וואָלטען געהאט א געזונדען מענשען=פערשטאַנד (לאַבאָמעל).
149 די מענשען זענען אימער געגען דעם פערשטאַנד, ווען
דער פערשטאַנד איז געגען זיי (העלוועציוס). 150 אַם
שווערסטען איז צו ענטפערען אויף אַנ'איינפאַכע פראַגע (גאָרקי).

גייסט. 151 אַ געזונדער גייסט—אין אַ געזונדען קערפער
(יווענאַליס). 152 אויך אַ גייסטיגע פרוכט ווערט נישט
געבוירען אָהן שמערצען (טאָלסטאָי). 153 אַלעס וואָס בע=
פרייט אונזער גייסט און גיעט אונז נישט די מעגליכקייט איבער
איהם צו הערשען—איז שעדליך (געטע). 154 אויך אין דער
גייסטיגער וועלט ווערט קיין אַטאָם נישט פערלאָרען, און דאָס
וואָס האָט אַמאָל עגזיסטירט, הערט נישט אויף צו עגזיסטירען.
אין אונזערע גייסטער לעבען נאָך די גייסטער פון אַלע פערגאַנ=
גענע יאָהר=הונדערטער (שטיינטהאַל). 155 די קראַפט פון אַ
סאָלדאַט איז אין זיין גייסט (טאָלסטאָי).

וואונדער, גלויבען. 156 דער גלויבען איז דעם וואונ=
דערס ליעבסטע קינד (געטע). 157 דאָס גרעסטע וואונדער
איז, דאָס מענשען גלויבען אין וואונדער (זשאַן פויל).
158 דער תנ"ך אַליין איז אַ פיעל גרעסערעס וואונדער, אַלס אַלע
וואונדער, וועלכע ווערען אין איהם ערצעהלט (פירשטין
גאָליצין). 159 דאָס וואונדערליכע פערשווינדעט, ווען מען
ערפאָרשט עס (וואָלטער). 160 דאָס גרעסטע וואונדער איז
דעם מענשעס זעעלע (דאַנטע). 161 זיך וואונדערען קאָן מען
אין איין מינוט, מאַכען וואונדערליכעס—אין פיעלע יאָהרען
(העלוועציוס). 162 די צייט פון די געטליכע וואונדער איז
שוין לאַנג אַריבער; דער מענש אָבער קאָן מיט זיינע אייגענע
הענד מאַכען וואונדער (פיערמאָן). 163 מיר וואונדערען זיך
נור אויף די פאַלענדע שטערען און נישט אויף די, וועלכע שיינען
רוהיג אויפ'ן הימעל (מאָהר). 164 גלויבען—הייסט זיך ענטזאַ=
גען פון פערשטעהען (פאָל בורזשע). 165 מען גלויבט אונז

נור דאס, און וואס מיר גלויבען זעלבסט (גוצקאוו). 166 ווער
עס ווייסט גאר נישט, דארף אלעס גלויבען (עשענבאך).
167 ווער עס גלויבט אלעמען, דעם גלויבט קיינער (לעסינג).
168 גלויבען איז נישט דער אנפאנג, נור דאס ענדע פון יעדער
וויסענשאפט (געטע). 169 די מענשען גלויבען גערן אין דעם,
וואס זיי ווינשען (יול. צעזאר). 170 דאס נישט-גלויבען אין
איין זאך שטיצט זיך אימער אויף דעם בלינדען גלויבען אין אנ-
אנדער זאך (ליכטענבערג). 171 פארהאן זאכען, וועלכע
מען דארף זעהן, אום אין זיי צו גלויבען; פארהאן ווידער
אנדערע זאכען, און וועלכע מען דארף גלויבען, אום זיי צו זעהן
(בואסט).

צווייפעל, ערפאהרונג. 172 צווייפעל איז די שולע פון
ווארהייט (בעקאן). 173 ווער עס וויל עטוואס גענוי ערגרינדען,
מוז ער עס פריהער גרינדליך בעצווייפלען (אריסטא).
174 דער צווייפעל דארף שטרעבען צו זעלבסט-פערניכטונג,
אום צו רעטען די ווארהייט (פיערמאן). 175 די אונוויסענ-
הייט בעשטעטיגט אדער לייקענט אב, די וויסענשאפט אבער
צווייפעלט. 176 מיט צווייפעל איז לייכטער אנצושטעקען, אלס
מיט גלויבען (אנדריעוו). 177 צווייפעל איז דער אנפאנג פון
חכמה (אריסטא). 178 צווייפעל פערניכטעט אלעס, און אויך
זיך זעלבסט (וואלטער). 179 ווען מיר זאלען נישט האבען
קיין צווייפעלהאפטעס, וואלטען מיר אויך נישט געהאט קיין
געוויסעס (געטע). 180 ערפאהרונג איז א שולע, וואו די לע-
קציעס קאסטען טייער, נור דאס איז אבער די איינציגע שולע,
וואו מען קאן עטוואס ערלערנען (פראנקלין). 181 איין ער-
פאהרונג איז וויכטיגער אלס זיעבען רעגעלן פון געלעהרטע
(מידאני). 182 אייגענע בעטראכטונגען לערנען אונז מעהר,
ווי אלע פארלעזונגען (אלעקסאנדער פון הומבאלט).

געוואהנהייט. 183 געוואהנהייט איז א צווייטע נאטור
(ציצערא). 184 געוואהנהייט איז דער פערשטאנד פון די
נאראנים (פרידריך דער גרויסער). 185 געוואהנהייט איז
א טיראן (שעקספיר). 186 געוואהנהייט איז א וויכעס קאפ-

קישעלע פיר פוילענצער און פיר אונגייגיעריגע (דימעריל). 187 די בעסטע געוואהנהייט איז נישט האבען קיינע געוואהנהייטען (דעקורסעל). 188 די נאטור גיט אונז נייגונגען, די ערציהונג שטעלט זיי ענטגעגען געוואהנהייטען (בואסט).

וואונש, האפנונג. 189 יעדער נייער וואונש איז אנ'אנפאנג פון א נייער ענטטוישונג, פון א נייעם שמערץ (וואלטער). 190 וועניג ווינשט דער מענש, ווען ער ליידעט (זשאן זשאק רוסא). 191 מען דארף נור שטארק ווינשען, אום אלעס מעגליכעס צו ערדייכען (איבסען). 192 וויל איהר קאנט נישט טהון אלעס, וואס איהר ווינשט, טא ווינשט צו טהון אלעס, וואס איהר קענט (טערענציוס). 193 ווען אלע מענשליכע ווינשען וואלטען ערפילט געווארען, וואלט געווארען די וועלט א גיהנם (בואסט). 194 אם ווייטעסטען זענען מיר פון אונזער וואונש, ווען מיר גלויבען דאס געווינשטע שוין צו בעזיצען (געטע). 195 ווינשען דאס, וואס מיר האבען נישט, שטערט אונז זיך צו בענוצען דאמיט, וואס מיר האבען (מאנטען). 196 דער מענש ווינשט אם ליעבסטען דאס, וואס איז פאר איהם אונערדייכבאר (דייטשעס שפריכווארט). 197 דאס, וואס מען טהוט נישט גערן, איז אלעמאל שווער (בואסט). 198 וואס גרעסער די שוועריגקייטען, איז שטארקער דער וואונש. 199 מיר געהען גלייכגילטיג פערביי דעם אפענעם גארטען, מיר בעדויערען ערשט, ווען ער איז פערמאכט (קעללער). 200 האפנונג איז די צווייטע זעעלע פונ'ם אונגליקליכען (געטע). 201 וואס איז דאס לעצטע אינ'ם לעבען? — האפנונג! (דיאגענעס). 202 עס לעבען נור די האפענדע (האלם). 203 איך וויל נישט האבען קיינע האפנונג, אויסער דער האפנונג, קיינמאל נישט צו האפען (זאפיר). 204 פון וואס מען איז זיך נישט מיאש, דאס פערליערט מען נישט (שילער).

גליק, אונגליק. 205 ווער עס גלויבט נישט אין גליק, קאן אויך נישט זיין גליקליך (טאלסטאי). 206 ס'איז נישטא אזא צושטאנד, אין וועלכען דער מענש זאל זיך נישט קענען פיהלען גליקליך (טאלסטאי). 207 דעם מענשענס גליק איז זיין רצון

(שילער). 208 זוכענדיג גליק פֿאַר אַנדערע, געפֿינען מיר אָפֿט
אונזער אייגענעם (פּלאַטאָן). 209 דאָס גליק איז נישט דאָרט,
וואו מען זוכט עס, נור דאָרט, וואו מען געפֿינט עס (פּטי=
סען). 210 די גליקליכע זענען רייך, אָבער נישט אַלע רייכע
זענען גליקליך (האַלם). 211 גליק און אונגליק זענען אַבהענגיג
פֿונ'ם כאַראַקטער נישט ווייניגער ווי פֿונ'ם שיקזאַל (לאַראָש=
פֿוקאָ). 212 אָפֿט געהען מיר ווייט זוכען דאָס, וואָס מיר
האָבען ביי זיך אין דערהיים (וואָלטער). 213 גליקליך זיין
איז נישט אַזוי שווער ווי מען רעכענט, נור דאָס, וואָס יעדער
וויל זיין גליקליכער פֿאַר'ן צווייטען, אָט דאַרין בעשטעהט
די גאַנצע שווערקייט. 214 גליקליך איז נישט דעריעניגע
וועלכער האָט דאָס, וואָס ער ווינשט, נור דעריעניגע, וועלכער
ווינשט נישט, דאָס, וואָס ער האָט נישט (פֿאָן אויסאָניוס).
215 יענער, וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט געפּרובט געוואָרען מיט
גליק אָדער אונגליק, איז ווי אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט זיך נאָך
קיינמאָל נישט געטראָפֿען מיט'ן שונא (קלינגער). 216 ווי
אַזוי קאָנען אַלע זיין גליקליך, ווען יעדער וויל זיין העכער פֿאַר'ן
צווייטען (גאָרקי). 217 די יסודות פֿונ'ם גליק זענען: פֿאַ=
מיליען=לעבען, פֿיזישע אַרבייט, צוזאַמען=לעבען מיט דער נאַטור
(טאָלסטאָי). 218 גליק איז דאָס, וואָס יעדער האַלט פֿאַר
זיך פֿיר אַ גליק (האַלם). 219 אונפֿערבעסערליך איז יענער, ביי
וועלכען די שלעכטע טהאַטען ווערען אונטערשטיצט פֿונ'ם גליק
(לאַראָשפֿוקאָ). 220 די פֿיעלע מיינונגס=פֿערשידענהייטען
אינ'ם בעשטימען דאָס גליק בעווייזען, דאָס עס איז אונז אונ=
בעקאַנט (בואַסט). 221 יעדער מענש איז דער שמיד פֿון זיין
גליק (סאַלוסטוס). 222 גליקליך איז דער, וועלכער פֿיהלט
זיך גליקליך (פֿיעלדינג). 223 אום צו זיין גליקליך, מוז מען
זיין בעשעפֿטיגט (פֿאַליי). 224 עס זיעגט אימער נישט די
קראַפֿט, נור דאָס גליק (פּינדאַר). 225 דער מענש איז בע=
שאַפֿען געוואָרען פֿאַר'ן גליק, ווי אַ פֿויגעל צום פֿליהען (קאָראָ=
לענקאָ). 226 עס איז אַלץ איינס צו האָבען אַ געוויסע זאַך,
אָדער זי נישט ווינשען (סענעקאַ). 227 האַלט נישט פֿאַר

גליקליך דעם, וועלכער הענגט אָב פֿונ'ם גליק (סענעקאַ).
228 מיר האָבען אַלע איין אירטום, רעכענענדיג, אַז מיר זענען
געבוירען געוואָרען פֿאַר'ן גליק (שאָפּענהויער). 229 דאָס
גליק האָט נאָך קיינעם נישט געשטעלט אַזוי הויך, דאָס ער זאָל
זיך נישט נויטיגען אין אַנדערע (סענעקאַ). 230 גליק איז ווי
געזונדהייט, ווען מען בעמערקט עס נישט, איז עס דאָ (טור=
געניעוו). 231 צו אַרגענבוינען, וועלכער דויערט מעהר ווי
אַ פֿיערטעל שעה, קוקט מען זיך נישט מעהר צו (געטע).
232 אום צו זיין גליקליך דאַרף מען האָבען אַ געזונדען מאָגען,
אַ שלעכט הארץ, און אין גאַנצען נישט האָבען קיין געוויסען
(דידראָ). 233 גליק איז נור אין פֿרייהייט (בּואַסט). 234 זיין
קלוג אינ'ם גליק, הייסט—קאָנען געהן אויף אייז (סאָקראַטעס).
235 גליק געווינט פֿריינד, אונגליק פּרובט זיי (פּלעשיע).
236 גליק וויל יעדער, אָבער נישט יעדער ווייס, ווי עס
אויסצונוצען (אָקסענשטיערן). 237 מיר זענען קיינמאָל
נישט אַזוי גליקליך אָדער אַזוי אונגליקליך ווי מיר מיינען
(לאַראָשפֿוקאָ). 238 אַלע מענשען זוכען דאָס גליק און קיי=
נער געפֿינט עס נישט (בּואַסט). 239 עס גיעבט אַמאָל דאָס
גליק צופֿיעל, גענוג קיינמאָל נישט (פּסײדאָ=פּובּליליוס).
240 דאָס גליק איז בלינד (ציצעראָ). 241 דאָס גליק איז נור
בּיי די יעניגע בלינד, בּיי וועלכע עס בעווייזט זיך נישט
(לאַראָשפֿוקאָ). 242 דאָס גליק איז בלינד און פֿערבלענדעט
זיינע ליעבלינגע (ציצעראָ). 243 אָהן זעלבּסט=אַכטונג=געפֿיהל
קאָן מען נישט גליקליך זיין (זשאַן זשאַקרוסאָ). 244 גליק
איז שטענדיג אויף די זייט פֿון די דרייסטע (דעטוש). 245 אַנ'
אונגליק קומט קיינמאָל נישט אַליין (היינע). 246 גרויס קאָן
מען זיין אויך אינ'ם גליק, ערהאַבען אָבער נור אינ'ם אונגליק
(שילער). 247 די מענשען זענען דאַריבער אונגליקליך, ווייל
זיי האַלטען זיך פֿיר פֿעהיגער, ווי זיי זענען (גאָרקי).
428 איין אונגליק לעהרנט אוים מעהר, אַלס טויזענד עצות.
249 דער פֿערשטאַנד טראָגט אַריבער אַנ'אונגליק, דער מוטה
בעקעמפֿט עס, די געדולד בעזיעגט עס (מאַד. דע סעוויניע).

250 דער וואס געהט ארויף קאן זיך אבשטעלען, דער, וואס פאלט אראב — נישט (נאפאלעאן). 251 מיר בעדויערן נישט געוועהנליך אזעלכע, וועלכע זענען נישט אזוי אונגליקליך ווי מיר (בואסט). 252 די מענשען וואלטען נישט געוועזן אזוי אונגליקליך, ווען זיי וואלטען מעהר ליעב געהאט איינער דעם צווייטען (בואסט). 253 ווער עס מאכט אנדערע אונגליקליך, קאן זעלבסט נישט זיין גליקליך (בואסט). 254 דער מענש איז דאפעלט אונגליקליך, ווען ער האט דאס אונגליק פערדיענט (בואסט). 255 די איבערטריעבענע שילדערונג פון די פאלשע אונגליקען אין די ראמאנען מאכען דעם מענשען אונפיהלבאר צו די ווירקליכע אינ'ם לעבען (בואסט). 256 נור דער גליקליכער קומט אינ'ם גן־עדן; דער אונגליקליכער איז אויףביידע וועלטען אונגליקליך (בערנע).

קלוגשאפט, נארעשקייט. 257 פארהאן פארפאלען אין מענשליכען לעבען, ווען עס איז גארנישט קלוג, קלוג צו זיין (שילער). 258 די מענשען בענוצען זיך אפט מיט זייער קלוגשאפט צו טהון פערשיעדענע נארעשקייטען (לאראשפוקא). 259 יעדער פון אונז וויל גיכער האבען א שם פאר א קלוגען, אלס פאר א גוטען (פאולסאן). 260 דער אמת'ר סימן פון קלוגשאפט בעשטעהט אין דעם, צו געפינען וואונדערליכעס אינ'ם געוועהנליכסטען (עמערסאן). 261 קלוגשאפט בעזיעגט דאס שיקזאל (יוווענאל). 262 טייערער זענען מיר די השערות פון א קלוגען, ווי די איבערצייגונגען פון א נאר (מיידאני). 263 קלוגשאפט הייסט די אייגענשאפט, דורך וועלכע יעדע מענשליכע טהאט בעקומט א אידעאלען אינהאלט (שלייערמאכער). 264 קלוגשאפט איז נור אין ווארהייט (געטע). 265 קלוגשאפט איז אפט גאנץ איבריג, ווי א ליכט אין א שלאף־צימער (בערנע). 266 א גרויסער קלוגער טהוט אויך נישט קיין קליינע נארעשקייט (געטע). 267 א קלוגער יאגט זיך נישט נאך דעם, וואס איז אנגענעהם, נור נאך דעם, וואס האלט אב די אונאנגענעהמליכקייטען (אריסטא). 268 קלוגע מענשען זענען ווי שמעקענדיגע בלומען: איינע איז אנגענעהם, אבער פון א גאנצען בוקעט טהוט

ווערה דער קאָפּ (אויערבאַך). 269 איין טאָג פון אַ קלוגען איז מעהר ווערט, ווי אַ גאַנצעס לעבען פון אַ נאַר (בואסט). 270 זינדיגען מאַכט קלוג (גאָרקי). 271 געגען נאַרעשקייט האָבען אויך די געטער אומזיסט געקעמפּפט (שילער). 272 ווען אַ נאַר גיט אַמאָל אַ קלוגע עצה, איז גוט אַז אַ קלוגער זאָל זי אויספיהרען (לעסינג). 273 אַ נאַר וועט דיר געבען האָניג—שפּיי, אַ קלוגער וועט דיר געבען סם-טרינק (גאָרקי). 274 דער ערפאָלג איז דער לעהרער פון די נאַרען (טיטוס ליוויוס). 275 ווער עס האָט זיך אין זיין לעבען קיינמאָל נישט בענאַרעשט, דער איז אויך קיינמאָל קיין קלוגער נישט געווען (היינע). 276 אַ נאַר שטעלט פראַגען, וועלכע קלוגע האָבען נאָך פאַר דריי טויזענד יאָהר פערענטפערט (געטע). 277 קיין זאַך חאַראַקטעריזירט נישט אַ מענשען, ווי זיין אומגאַנג מיט נאַראָנים (אַמיעל). 278 דאָס נאַרעשקייט געהט ווי די זון אַרום די וועלט און שיינט אומעדום (שעקספּיר). 279 אַלעס האָט אַגרענעץ, נור דעם מענשענס נאַרעשקייט איז אונבעגרענעצט (פלאָבער). 280 דאָס נאַרעשקייט איז אַ מתנה פון גאָט, נור מען דאַרף די דאָזיגע מתנה נישט צופיעל מיסברויכען (ביסמאַרק). 281 אַלעס פערליערט דער מענש מיט די יאָהרען: יוגענד, שעהנהייט, געזונדהייט, עהרען-ליבע, נור איין זאַך בלייבט איהם: זיין נאַרעשקייט (אַריאָסטאָ). 282 אַ נאַר געהערט אין דער קינדהייט—די עלטערן, אין די יונגע יאָהרען—דער געליעבטע, אויף דער עלטער—די קינדער, קיינמאָל אָבער זיך זעלבסט. 283 אַ נאַר, זאָגאַר ווען ער הוסט, טהוט ער איםיצען נאָך (קראַטשקאָווסקי). 284 אַנאַר אָדער אַ קלוגער זענען ביידע נישט שעדליך, שעדליך איז נור דער „האַלבער-נאַר, אָדער דער האַלבער-קלוגער (געטע). 285 „דער קליגערער טרעט אָב"—דאָס ערקלערט מיר די וועלט-הערשונג פון די נאַראָנים (עשענבאַך). 286 אַ נאַר שפּעט פון אַ קלוגען, אַ קלוגער אָבער שפּעט נישט פונ'ם נאַר, ער בעדויערט איהם (ווינקלער). 287 נאַרעשקייט ברענגט מעהר נוצען אַ קלוגען, ווי קלוגשאַפט דעם נאַר (שעקספּיר). 288 עס איז זעהר נאַריש צו

וועלען זיין קליגער פאר אלעמען (לאראשפוקא). 289 די
קלוגע וואלטען שוין לאנג אויסגערוימט דאס נארעשקייט, ווען זיי
וואלטען עס נישט געפונען פאר זיך נוצליך (לאראשפוקא).
290 ווען דאס נארעשקייט וואלט ווען געטהון, וואס פאר א
שרעקליכע געשרייען וואלט מען געהערט אין אלע שטובען!
(לאגאאו). 291 נאיוויטעט איז א לייב=שוועסטער פון אונשולד,
און א קוזינע פון נארישקייט (דעקורסעל). 292 א מענש
מיט פערשטאנד וועט נישט נור זאגען א נארעשקייט, ער וועט
עס אויך נישט וועלען הערען (בערנע). 293 גליק איז נישט
קיין נארעשקייט, נארעשקייט אבער איז א גרויס גליק (זאפיר).
294 מען פערצייהעט אונז ליעבער צעהן נארעשקייטען, ווי איין
קלוגע טהאט (זאפיר). 295 בעסער א קלוגער נאר, ווי א נא=
רישער קלוגער (שעקספיר). 296 יעדער מענש האט אין זיך
א געוויסע מאס נארעשקייט, די גאנצע קונסט איז נור, זי נישט
ארויסצווייזען. 297 א נאר הייסט דער, וועלכער ענדערט נישט
קיינמאל זיינע אנשויאונגען (בארטעלעמי). 298 יעדער נאר
געפינט אימער א גרעסערען נאר, וועלכער בעוואונדערט איהם
(בואלא). 299 אויף נארישע פראגען איז נישט לייכט צו ענט=
פערען (אנדערסען). 300 שפעטען אויס דעם קלוגען איז די
נאטירליכע פריווילעגיע פונ'ם נאר (לאמארטין). 301 א נאר
ווארפט א שטיין אין גארטען אריין, קענען איהם צעהן קלוגע
נישט געפינען (רוס. שפריכווארט). 302 אזוי ווי קלוגע
זענען טיילמאל זעהר נאריש, אזוי זענען אויך נאראנים טיילמאל
זעהר קלוג (היינע). 303 מיר נארען קיינעם נישט אזוי ווי זיך
זעלבסט (שאפענהויער). 304 נארעשקייט איז אנ'אנשטע=
קענדע קראנקהייט (בואסט). 305 ווען די מענשען וואלטען
נור געווען נארעש, וואלט נאך נישט אויסגעמאכט, זיי זענען
אבער בעז, זאגאר אונמענשליך (בואסט). 306 א יונגערמאן
רעדט וועגען דעם, וואס ער טהוט, אנ'אלטערמאן—וועגען דעם,
וואס ער האט געטהון, א נאר—וועגען דעם, וואס ער וואלט
געוואלט טהון (בואסט). 307 א נאר איז א לאמטערן אהן ליכט
(זאפיר). 308 איבערמעסיגע נאיוויטעט איז אזוי אונ=

אַנשטענדיג, ווי געהן נאַקעט (בעקאָן). 309 אָרענטליכע
מענשען זענען מעהרסטענטיילס נאַיוו (אַנדריעוו).

ארעמקייט, רייכקייט. 310 אָרעמקייט פיהרט אָפט צו
שטאָלץ (מאַרמאָנטעל). 311 אָרעם איז נור דער, וועלכער
האַלט זיך פאַר אָרעם (סענעקאַ). 312 דאָס אָרעמקייט געפינט
נור וואָהלטהעטער, אָבער קיינע פריינד (קאָצעבוע).
313 אָרעמקייט איז די איינציגע משא, וועלכע ווערט שווערער
וואָס מעהר מענשען עס טראָגען זי (זשאַן פויל). 314 לייב־
טער איז טראָגען אַנ'אָנגעפאַקטען געלד־זאַק, ווי אַ ליידיגע בע־
טלער־טאָרבע (זאַפיר). 315 אָרעמקייט קליידעט אָן שמאַטעס
אויף דעם קערפער און אויף דער נשמה (אַראַב. שפריכ־
וואָרט). 316 אָרעמקייט איז נור פאַר דעם שווער, וועלכער
האָט פאַר איהר מורא (סענעקאַ). 317 אָרעמקייט איז נישט
קיין זינד, עס ברענגט נור צו זינד (רוס. שפריכוואָרט).
318 אָרעמקייט איז קיין שאַנד, ווען עס וואָלט יאָ געווען אַ שאַנד,
וואָלטען זיך די מענשען דאַמיט נישט געשעמט (דזשעראָם
ק. דזשעראָם). 319 דעם אָרעמען פאַסטוך דוכט זיך, דאָס
ווער ער וואָלט רייך געוואָרען, וואָלט ער געפאַשעט די בהמות
רייטענדיג (היינע). 320 אַ געזונטער אָרעמאַן איז גליקליכער
פאַר אַ קראַנקען קייזער (שאָפענהויער). 321 אָרעמקייט איז
קיין שאַנד, נור פיעל ערגער (דיפרעני). 322 אַ שאַנדע איז
— נישט קאָנען איבערטראָגען אָרעמקייט, נאָך מעהר שאַנדע —
זי נישט קאָנען פערטרייבען דורך אַרבייט (פעריקלעס).
323 דאָס מיטאָג פון אַ רייכען איז אַנגעשפּעט אויס דעם הונגער
פונ'ם אָרעמען (בואַסט). 324 דאָס אמת'ע רייכקייט בע־
שטעהט נישט אין דעם פיעלען פערדינען, אַלס אין דעם
פערשטענדיגען אויסגעבען (נאַפּאָלעאָן). 325 ערווערבען
רייכקייט איז לייכטער, ווי צו היטען עס (פובליליוס
סיריוס). 326 ליעבער איז אַ מענש אָהן רייכקייט, אַלס רייכ־
קייט אָהן אַ מענשען (באָקאַטשיאָ). 327 עס גיעבט פיעל
מענשען, וועלכע פעראַכטען דאָס רייכקייט, וועניג אָבער, וועלכע
ווילען עס אַוועקגעבען (לאַראָשפוקאָ). 328 מען שענקט

ליעבער דעם רײַכען, ווי מען באָרגט דעם אָרעמען (פּטיסען). 329 די רײַכע, זענען איבערזעטיגט, אָבער נישט זאַט (בּואַסט). 330 וועניג האָט אַן אָרעמאַן פֿײַנד, וועניגער אָבער האָט אַ רײַכער פֿרײַנד (מײַדאַני). 331 שווער איז זיך בּעגנוגנען מיט וועניג, פֿיעל שווערער אָבער—מיט פֿיעל (עשענבּאַך).

שטאַרקייט, שוואַכקייט. 332 אַ שטאַרקער מענש איז דער, וועלכער האָט אַ שטאַרקע ווילענס=קראַפֿט (זשאַן זשאַק רוסאָ). 333 דער שטאַרקערער איז שטענדיג גערעכט (פֿיערמאַן). 334 דער שטאַרקער לײַדט און בעקלאָגט זיך נישט, דער שוואַכער בעקלאָגט זיך און לײַדט נישט (בּואַסט). 335 קראַפֿט איז העכער פֿאַר רעכט (בּיסמאַרק). 336 דעם מענשען איז געגעבען געוואָרען די קראַפֿט צו פֿערטיידיגען זײַן פֿערמעגען, אָבער נישט צוצונעהמען יענעמס (בּאָסיוע). 337 פֿעראייניגט—ווערען אויך שוואַכע — שטאַרק (שילער). 338 ווען אַ שוואַכער מענש רעדט מיט זיך זעלבסט, בענוצט ער אָפֿט שטאַרקע אויסדריקען (טורגעניעוו). 339 נישט דעריבער פֿאַלט מען, ווײַל מען איז שוואַך, נור דעריבער, וואָס מען בילדעט זיך אײַן, אַז מען איז שטאַרק (מאַנזשען).

פֿרייד, פֿערגעניגען. 340 ווער עס קאָן זיך פֿרעהען היינט, זאָל עס נישט אָבלעגען אויף מאָרגען. 341 אַמוועניגסטען פֿרעהליך איז יענער, וועלכער פֿרעהט זיך אַממײַסטען (בערטוך). 342 איבערמעסיגע פֿרייד רופֿט בײַ אונז אַרויס טרערען, וועלכע דאַרפֿען אונז דערמאָהנען אָן די שמערצען פֿון די לײַדענדע (זשאַן פּויל). 343 פֿאַרהאַן טרערען פֿון פֿרייד און טרערען פֿון לייד; אויגען, וואָס זענען רויט געוואָרען פֿון פֿריידע=טרערען, האָב איך נאָך נישט געזעהען (זאַפֿיר). 344 דער מענש קאָן שטיל פֿערטראָגען לייד, אָבער נישט פֿרייד (געטע). 345 זיך איבערמעסיג פֿרעהען, אויך איבערמעסיג טרויערען זענען נישט פּאַסענד פֿאַר אַ דענקענדען מענשען (זשאַן זשאַק רוסאָ). 346 אַ פֿערגעניגען ווערט אָבגעשאַצט נאָך דער ערינערונג, וועלכע עס לאָזט בײַ אונז איבער (זשאַן פּויל). 347 ערוואַרטען אַ פֿערגעניגען איז אויך אַ פֿערגעניגען (לעסינג).

עהרע, עהרענליעבע. 348 אָפֿט גיעבען מיר אַוועק

אונזער עהרע פאַר אַגעוויסען צייכען פון עהרע (יאַקאָבס).
349 שענדליכער איז פערליערען עהרע, אַלס זי אינגאַנצען ניט
בעזיצען (פליניום). 350 די מענשען ווערען געבוירען עהר=
ליכע און שטאַרבען שווינדלער (וואָווענאַרג). 351 אינ׳ם
לעבען עהרליך זיין, הייסט עס — זיין אויסגעקליעבען פון צעהן
טויזענד (שעקספיר). 352 אויך רויבער זענען געהאָרכזאַם די
געזעצען פון עהרליכקייט ביים פונאַנדערטיילען דעם רויב.
353 פאַרהאַן עהרליכע לייט, וועלכע זענען נור דאַרום עהרליך,
וויל זיי האָבען ניט קיין שכל אונעהרליך צו זיין (דאָסטאָ=
יעווסקי). 354 עהרענליעבע איז נור דאַן אַחסרון, ווען דער
מענש איז ניט אים שטאַנד זי צו בעפריעדיגען (טאָלסטאָי).
355 פאַרהאַן מענשען, וועלכע זענען גלייך צו די קליינע מאָדע=
געשעפטען, וואו די גאַנצע סחורה איז אויסגעהאַנגען אינ׳ם שוי=
פענסטער (אויערבאַך). 356 ווער עס עפענט זיין האַרץ
פאַר עהרענליעבע, פערמאַכט עס פאַר רוהע (חינעזיש.
שפריכוואָרט). 357 די מאָראַליסטען זאָגען דעם מענשען:
אונטערדריק די עהרענליעבע, איך אָבער זאָג איהם: פערדיען
זי (שטערן).

ריהמען. לויבען. 358 איין שפיגעל איז וויכטיגער,
אַלס אַ גאַנצע רייהע בילדער פון אונזערע עלטער=זיידעס (מענ=
צעל). 359 געוויסע מענשען ווערען ווי באַנק=פאַפירען אָנגע=
נומען נאָכ׳ן קורס, און ניט נאָך זייער נאָמינאַל=ווערט (לאַראָ=
שפוקאָ). 360 עס איז לייכטער צו מאַכען אַקרוין, אַלס צו
געפינען אַקאָפּ, וועלכער זאָל ווערטה זיין זי צו טראָגען (געטע).
361 דער שפיץ פון אַהויכען בוים איז גיכער אונטערגעוואָרפען
דעם דונער=קלאַפּ (מײדאַני). 362 מיט דעם המון זיי פאָר=
זיכטיג, ווען ער אַכטעט דיך; צום ערשטען וועט ער דיך בעשי=
טען מיט קראַנצען, נאָכהער — מיט בלאָטע (ריקערט).
364 עס איז שענדליך צו לויבען דאָס, וואָס דו האָסט ניט
קיין רעכט צו זידלען (ביעלינסקי). 365 געוויסע מענשען
זענען בעריהמט, און געוויסע מענשען פערדיענען בעריהמט צו
זיין (לעסינג). 366 אַרייטער איז אַמאָל אַראָבגעפאַלען פונ׳ם

פֿערד, פֿון דעמאָלס אָן האַלט זיך יעדער, וואָס פֿאַלט אַראָב פֿונ'ם פֿערד, פֿאַר אַרייטער (מ ו ל ט אַ ט ו ל י). 367 דער כּבוד פֿון בעריהמטע מענשען דאַרף ווערען אָבגעשאַצט נאָך די מיטלען, דורך וועלכע זיי האָבען איהם ערוואָרבען (ל אַ ר אָ ש פֿ ו ק אָ). 368 דער לייב איז צופֿריעדענער דערפֿון, וואָס דער בער גע=האָרכט איהם, אַלס דערפֿון, וואָס דער הונד רופֿט איהם קעניג (ק ע ר נ ע ר). 369 וואָס מיר לויבען אין דער פֿריה, קריטיקירען מיר פֿאַרנאַכט (פֿ ר י ד ר י ך ד ע ר ג ר ו י ס ע ר). 370 אַלאָרבער=קראַנץ איז ניבער אַ צייכען פֿון ליידען, ווי פֿון גליק (ג ע ט ע). 371 דער שאָטען פֿון לאָרבער=בוימער פֿער'שכר'ט אָדער שלע=פֿערט איין (פּ י ט אַ ג אָ ר אַ ס). 372 זאָל דיך נישט פֿערדריסען, וואָס מען האָט דיך געזידעלט איבער אַ קליינינקייט, דערפֿאַר לויבט מען דאָך דיך טיילמאָל איבער אַ נאַרישקייט (ל י כ ט ע נ=ב ע ר ג).

שמערץ, ליידען, נויט. 373 נישט וויסען פֿון שמערץ, הייסט—נישט זיין אַ מענש (ט ע ר ק. ש פּ ר י כ וו אָ ר ט). 374 דער אַממייסטען אונהיילבאַרע שמערץ איז דער איינגעבילדעטער (ע ש ע נ=ב אַ ך). 375 אַ קליינער שמערץ היילט זיך דורך אַ גרעסערען (ש ע ק ס פּ י ר). 376 עס איז נישטאָ אַזאַ שמערץ, נישט אַזעל=כע ליידען, קערפּערליכע אָדער גייסטליכע, וועלכע די צייט זאָל נישט אָבשוואַכען און דער טויט אויסהיילען (ס ע ר וו אַ נ ט ע ס). 377 נויט ווירקט אויף די מענשהייט מעהר פֿון אַלע וויסענשאַפֿטען (וואָ ל ט ע ר). 378 נויט איז אונזער זעקסטער חוש, וועלכער געוועלטיגט אָפֿט איבער אַלע אַנדערע (ז אַ פֿ י ר). 379 שטאַרק איז דאָס געזעץ, שטאַרקער אָבער די נויט (ג ע ט ע). 380 ווער עס קאָן אַממייסטען ליידען, קאָן אויך אַממייסטען ווירקען (מ י ל ט אָ ן). 381 גרויסע מענשען פֿערטראָגען ליידען שוויינענד (ש י ל ע ר).

הארץ. 382 מאַנכער רעכענט, אַז ער האָט אַ גוט האַרץ ווערהענד אין אמת'ן האָט ער גאָר שוואַכע נערווען (ע ש ע נ ב אַ ך). 383 אין מענשליכען האַרצען איז פֿאַרהאַן פֿיעל פּלאַץ פֿאַר גלויבען, ווייניג אָבער—פֿאַר איבערציינונג (ג אָ ר ק י). 384 אַהאַרץ בעדאַרף

אַצוויי̆טעס האַרץ, געטהיילטע פרייד — איז דאָפּעלטע פרייד,
געטיילטער שמערץ—איז אַ האַלבער שמערץ (טידגע). 385 אַזוי
ווי לופט, אַזוי ווי וואַסער, אַזוי ווי אַלעס אין דער וועלט, שטייגט
אונזער האַרץ העכער, וואָס וואַרעמער עס ווערט (עטוועש).
386 אָפּט שפּעט אונזער האַרץ פון אונזער פערשטאַנד (לאַראָ⸗
שפוקאָ). 387 אַ נאַר איז דער שקלאַף פון זיין האַרץ, אַ קלו⸗
גער—זיין הער (מיידאַני). 388 אַ ווייך האַרץ ווערט שנעלער
אָבגעקיהלט; עהל פריערט שנעלער ווי וואַסער (אויערבאַך).
389 דער פערשטאַנד פון אַ פרוי געהאָרכט דעם האַרצען, דאָס
האַרץ פון אַ מאַנספּערזאָן—דעם פערשטאַנד (לעדי בלעסינג⸗
טאָן). 390 ווילסטו דיך זעלבסט דערקענען, זעה, וואָס אַנדערע
טהוען, ווילסטו אַנדערע דערקענען, בליק אין דיין אייגען האַרץ
(שילער). 391 דעם מענשען דאַרף מען עהרען נאָך זיין האַרץ
און נישט נאָך זיין מיינונג (שילער). 392 וויפיעל דו ווילסט
בעקומען, אַזוי פיעל מוזט דו געבען, ווילסטו אַ גאַנצעס האַרץ,
גיעב אַ גאַנצעס לעבען (ריקערט). 393 דאָס האַרץ האָט מאָטי⸗
ווען, וועלכע זענען פרעמד דעם פערשטאַנד (פּאַסקאַל).
394 דאָס געזיכט שיינט נור ביי דעם, ביי וועמען דאָס האַרץ איז
ריין (צעלטישעס שפּריכוואָרט). 395 די נייגונג פונ'ם
האַרצען איז די שטימע פונ'ם שיקזאַל (שילער). 396 צום
טיעפסטען קוקען אין אונזער האַרץ די אויגען, וועלכע האָבען
צום מיינסטען געוויינט (עליזא אָרזשעשקאָ). 397 ווער עס
פאָהרט אַריבער דעם ים, ענדערט נור די געגענד, אָבער נישט
דאָס האַרץ (האָראַציוס). 398 דאָס גרויסקייט פון אַ מענשען
געפינט זיך אין זיין האַרץ און נישט אין זיין קאָפּ (בואַסט).

מאראליטעט. 399 מאָראַליטעט און ציוויליזאַציע העלפען
זיך איינע דער אַנדערער (מאַד. דעסטאַל). 400 זיך אָבגעוועהנען
פון שלעכטע זיטען איז לייכטער היינט, ווי מאָרגען (קאָנפוציוס).
401 די מאָראַל⸗לעהרע ערקלעהרט זיך לייכטער אין קורצע שפּרי⸗
כען, אַלס אין לאַנגע רעדען (איזערמאַן). 402 רייניג אָב דיין
פעלד פון די מיסטיגע גרעזער, אין די שמעקענדיגע בלומען ווע⸗
לען שוין אַליין אַרויסוואַקסען (פיערמאָן). 403 זאָל נאָר

יעדער אויס־יײַניגען פֿאַר זײַן הויז, וועלען שוין ממילא אַלע גאַסען זײַן ריין (מ ײַ ד אַ נ י). 404 די מאָראַליסטען (מוסר־זאָגער) זענען אַפּטײקער, וועלכע מאַכען רעצעפּטען נור פֿאַר אַנדערע (נ אָ ע ל). 405 טויזענד בעלוינונגען בעקומען מיר פֿאַר אַ שענע רעדע, קיין אײנציגע — פֿאַר אַ שענע טהאַט (זשאַן זשאַק רוסאָ).

לײַדענשאַפֿטען. 406 די לײַדענשאַפֿטען (תאוות) זענען נישט אַזוי שטאַרק, ווי די מענשען שוואַך (דיובע). 407 לײַדענשאַפֿטען זענען די בעסטע רעדנער, וועלכע איבערצײַגען אימער (לאַראָשפֿוקאָ). 408 לײַדענשאַפֿטען זענען פֿערצווײפֿעלטע קראַנקהײַטען; דאָס, וואָס דאַרף זיי הײלען, מאַכט זיי נאָך געפֿעהרליכער (געטע). 409 דעם מענשענס מוח מעג אויסקלערען פֿערשידענע געזעצען פֿאַר'ן בלוט; די לײַדענשאַפֿטען וועלען שטענדיג איבער זיי אַריבערשפּרינגען (שעקספּיר). 410 די לײַדענשאַפֿטען זענען די פֿײַנד פֿונ'ם פֿריעדען, אָבער אָהן זיי וואָלטען מיר נישט געהאַט נישט קיין קונסט און נישט קיין וויסענשאַפֿט און יעדער וואָלט זיך געשלאָפֿען נאַקעט אויף זײַן מיסט־קעסטעל (אַנאַטאָל פֿראַנס). 411 בעקעמפֿען אַ לײַדענשאַפֿט דאַרף מען נור דאַן, ווען זי פֿאַנגט אָן שוואַכער צו ווערען (פֿענעלאָן). 412 מעהר פֿליעגען ווערען דערטרונקען אין האָניג, אַלס אין עסיג (לאַפֿאָנטען).

מעלות, חסרונות. 413 געגען מעלות פֿון אַנדערע איז פֿאַרהאַן איין רעטונגס־מיטעל — ליעבע (געטע). 414 גיכער קאָן זיך דער מענש ערווערבען טויזענד מעלות, אַלס זיך בעפֿרײַען פֿון איין חסרון (לאַבריער). 415 מיט הויכע מעלות בעגעהט זיך דער מענש, ווי מיט הויכע בערג, ער בעוואונדערט זיי און געהט זיי אַרום (זאַפֿיר). 416 אינ'ם לעבען ברענגען אונז אונזערע מעלות מעהר שאָדען, אַלס אונזערע חסרונות (טאָלסטאָי). 417 ווענען אַ מענשענס מעלות קאָן מען ערשט אורטײלען נאָך זײַן טויט (נאַפּאָלעאָן). 418 מעהר ערפֿאָלג האָט דער, וואָס בעהאַלט זײַנע חסרונות, ווי דער, וואָס ווײַזט אַרויס זײַנע מעלות (פּטיסען). 419 ווען ליעבע פֿערדעקט פֿאַר אונז די חסרונות פֿון אונזערע פֿרײַנד, טאָ ווי אַזוי קאָנען מיר

בעמערקען אונזערע אייגענע פעהלער? (לאראשפוקא).
420 מיר ווייזען אפט ארויס אונזערע קליינע חסרונות, כדי צו
בעהאלטען די גרעסערע (לאראשפוקא). 421 מיט א שמו־
ציגען פינגער ווייז נישט אויף יענעמס חסרונות (פראנצויז.
שפריכווארט). 422 נור מיט פרעמדע אויגען קאנען מיר
זעהען אונזערע חסרונות (חינעז. שפריכווארט). 423 ווען
מיר זאלטען נישט געהאט קיינע חסרונות, וואלטען מיר זיי נישט
אזוי גערן געזוכט ביי אנדערע (פענעלאן). 424 אם ליעב־
סטען קריטיקירען מיר ביי אנדערע די חסרונות, וועלכע מיר
האבען אליין (פיערמאן). 225 מיר פערגעסען לייכט אונזערע
חסרונות, ווען קיינער, אויסער אונז, ווייסט נישט פון זיי
(לאראשפוקא). 426 גערן פערצייהען מיר אונזערע פריינד
אזעלכע חסרונות, וועלכע בעריהרען אונז נישט (לאראשפוקא).
427 דאס בעזיצען עטליכע חסרונות שטערט אונז זיך איבער־
געבען איינעם פון זיי אינגאנצען (לאראשפוקא). 428 גרויסע
מענשען האבען אויך גרויסע חסרונות (לאראשפוקא).
429 א פאלקאמענער מענש הייסט דער, וועלכער האט וועניגער
חסרונות פאר אנדערע (זשאן זשאק רוסא). 430 אויף א
בוים, וואס האט נישט קיינע פרוכטען, ווארפט מען נישט קיינע
שטיינער (סאאדי). 431 זעלטען בעקומט דער מענש דאס, וואס
ער פערדיענט, אזוי ווי ער פערדיענט זעלטען דאס, וואס ער
בעקומט (ווערניקע).

גוטעס, שלעכטעס. 432 דער ערשטער טריט צום
גוטען איז נישט טהון קיין שלעכטעס (זשאן זשאק רוסא).
433 דאס בעסערע איז דער פיינד פונ'ם גוטען (פראנצויז.
שפריכווארט). 434 זוכענדיג דאס בעסערע, פערליערען
מיר אפט דאס גוטע (שעקספיר). 435 ווער עס ווערט פונ'ם
גוטען נישט ענטציקט, דער איז נישט פעהיג גוטעס צו שאַ־
פען (ליוורי). 436 צו טהון גוטעס מוז מען האבען פער־
שטאנד; נאראנים זענען דאצו נישט פעהיג (מאד. דע פאמ־
פאדור). 437 דער הונד בילט אויף די לבנה, אבער די לבנה
הערט נישט אויף, איהם צו לייכטען. 438 א שונא דארפט

איהר זאגען און ניט ארשע, אקר אנקער און נישט אשווינדלער, אנאר און ניט אזינדער (ניצשע). 439 גוטעס טהון קאן זעלטען איינער, שלעכטעס—אלע (גראציאן). 440 גוטעס און שלעכטעס זענען צוויי טייכען, וועלכע האבען אזוי גוט אויסגעמישט זייערע וואסערען, דאס עס איז אונמעגליך זיי צו צוטיילען (בואסט). 441 מאראליסטען! קלעבט אן אויפשריפטען אויף דאס גוטע און אויף דאס שלעכטע, כדי קינדער און דער המון זאלען זיי קענען אונטערשיידען (פיטאגאראס). 442 א גוטער מענש איז 792 מאל גליקליכער פאר א שלעכטען (פלאטאן). 443 פיעל וועניגער שלעכטעס וואלט געווען אויף דער וועלט, ווען עס זאלט נישט געשעהען אונטער דער מאסקע פונ'ם גוטען (עשענבאך). 444 זיין בעסער פאר א שלעכטען, הייסט נאך נישט גוט זיין (פובליליוס סיריוס). 445 זיך פעררופען אויף שלעכטע טהאטען פון אנדערע, הייסט — זיך אבוואשען מיט בלאטע (פטיסען).

גערעכטיגקייט, אונגערעכטיגקייט. 446 גערעכטיגקייט געפינט מען נור אויף דער סצענע, אויף דער וועלט הערשט נור דער שיין פון גערעכטיגקייט (שילער). 447 איבערמעסיגע גערעכטיגקייט איז דאסזעלבע, וואס אונגערעכטיגקייט (ציצערא). 448 דעם מענשען איז גארנישט אזוי אומעדיג צו זיצען אין געפענגעניש, ווען זיין גערעכטיגקייט זיצט מיט איהם מיט (לאטייניש. שפריכווארט). 449 דאס גערעכטיגקייט איז אזוי פיעל געגען אונזערע אינטערעסען, דאס די, וועלכע היטען זי אב, ווערען גערעכענט פאר העלדען (פאנטענעל). 450 גערעכטיגקייט אהן קראפט איז אהנמעכטיג, קראפט אהן גערעכטיגקייט—טיראניע (פאסקאל). 451 בעסער איז ליידען אנ'אונגערעכטיגקייט, אלס בעגעהן זי אליין (פסידא-פובליליום). 452 ווער עס קאן נישט פערליידען קיין אונגערעכטיגקייט, טאר נישט ארויסקוקען דורכ'ן פענסטער, און דארף האלטען זיין טיר פערמאכט, און זיינע שפיעגלען פערדעקט (זיימע). 453 די אונגערעכטיגקייט וואס מען טהוט א יחיד, ווערט א דראהונג פאר'ן כלל (בואסט).

דאנקבארקייט, אונדאנקבארקייט. 454 פאַר קיין זאַך
זענען מיר נישט אַזוי דאַנקבאַר, ווי פאַר דאַנקבאַרקייט
(עשענבאַך). 455 דאַנקבאַרקייט איז דאָס איינציגע פערמע־
גען פונ׳ם אָרעמאַן (שעקספיר). 456 מיר דאַנקען געוועהנ־
ליך, ווי אַ סוחר, וועלכער צאָהלט די וועקסלען, נישט אויס
עהרליכקייט, נור אום נישט צו פערליערען דעם קרעדיט
(לאַראָשפוקאָ). 457 פאָדערען אַ דאַנק פאַר יעדע פון די
ערוויזענע טובות, הייסט — האַנדלען מיט זיי (דעקורסעל).
458 דער אונדאַנקבאַרער פאַרגעסט נישט די טובות, וואָס מען
האָט איהם געטהון, ער בעמיהט זיך נור זיי צו פערגעסען
(זאַפיר). 459 אין אונזערע צייטען געפינט מען זעהר וועניג
אונדאַנקבאַרע, ווייל עס איז נישטאָ די געלעגענהייט דאַצו
(זאַפיר). 460 מיר זענען גערן דאַנקבאַר פיר קליינע טובות,
ווייל מיר רעכענען, דאָס זיי זענען נישט ווערט אונזער אונ־
דאַנקבאַרקייט (פטיסען).

אַכטונג. פעראַכטונג. 461 מיר אַכטען אָפט די מענ־
שען פאַר אַזעלכע זאַכען, פאַר וועלכע מען דאַרף זיי צו מיינ־
סטען זידלען (רעץ). 462 אַכטע דיך זעלבסט, ווען דו ווילסט
פון אַנדערע געאַכטעט ווערען (לאַטייניש. שפריכוואָרט).
463 די מעהרהייט מענשען אַכטעט דאָס, וואָס זי פערשטעהט
נישט (מאַלעבראַנש). 464 קיינמאָל אַכטען אונז אַנדערע
נישט אַזוי פיעל, וויפיעל מיר אַכטען זיך זעלבסט (סענעקאַ).
465 מיר פעראַכטען פיעלע זאַכען, אום זיך זעלבסט נישט צו
פעראַכטען (וואָווענאַרג). 466 מיר זענען געוועהנט צו פער־
אַכטען דאָס, וואָס איז נידריגער פאַר אונז (בערנאַרדען דע
סען פיער) 467 פעראַכטונג איז אַ פינגולקע, וועלכע מען קאָן
אָהן גרימאַסען אראָבשלינגען, אָבער נישט פערדייען (מאָליער).
468 ענטוזיאַזם און ליעבע זענען די קינדער פון האָפנונג, פער־
אַכטונג און האַס — די קינדער פון ענטוישונג (בואַסט).

ארבייט, פוילקייט. 469 אַרבייטען, דייסט — פערדינען
געלד און נישט האָבען קיין צייט עס צו פערשווענדען (דעקור־
סעל). 470 אַ שווערע אַרבייט איז ביליגער, ווי אַ לייכטע

(גאָרקי). 471 עס אַרבּייטעט זיך נור דאַן לוסטיג, ווען מען
ווייסט, דאָס די אַרבּייט איז אַנ'אונבּעדינגט נויטווענדיגע (טאָל=
סטאָי). 472 פון פיעל פליהען וואַקסען די פליגלען (שפּריב=
וואָרט). 473 מען ווערט גיכער מיעד פון לעדיג=געהן, אַלס
פון אַרבּייטען (וואָווענאַרג). 474 זיך בּעשעפטיגען מיט
אוננוצליכעס איז פונקט ווי לעדיג=געהן (פרעווא). 475 אַ
קליינע נאָדעל שפּייזט אַגרויסע פאַמיליע. 476 וואָס קירצער
דער פלייס, לענגער איז דער טאָג (עשענבּאַך).
477 שטויב פון אַרבּייטען איז טייערער, אַלס פודער אינ'ם
טואַלעטען=צימער (מײדאַני). 478 דער וואונש צו טהון צו
פיעל—איז בּיי פיעלע אַתירוץ גאָר נישט צו טהון (קראַטש=
קאָווסקי). 479 אַ גענוצטער שליסעל גלאַנצט אימער (פראַנ=
קלין). 480 אַרבּייט איז דער פאָטער פונ'ם הונגער, דער
זיידע פון דער פערדויאונג, דער עלטער=זיידע פון דער געזונד=
הייט (זאַפיר). 481 זאָג מיר, מיט וואָס דו בּעשעפטיגסט
זיך, וועל איך דיר זאָגען, וואָס וועט אוים דיר ווערען (געטע).
482 דער אֶמת'ער פוילער וואָלט זיך אויך ענטזאגט פון דער
געבּראָטענער טויבּ, וועלכע וואָלט איהם געפלויגען אין מויל,
קוים וואָלט זי אויך נישט געווען גוט צושניטען (געטע).
483 פוילקייט איז דאָס נאַרעשקייט פונ'ם קערפער, נאַרעשקייט—
דאָס פוילקייט פונ'ם גייסט (זיימע). 484 אַ פוילער הונד ווערט
פאַרשיווע, דאָס זעלבּע איז אויך מיט אַ מענשען (בּערטאָן).
485 דער מיטאַגס=שלאָף איז אַ ליכט, וואָס בּרענט בּיי טאָג
(היפעל). 486 לאַנגזאַם שלעפט זיך דאָס פוילקייט, דאַרום
קאָנען עס מאַנגעל און נויט לייכט דעריאָגען (בּואַסט).
487 אונזער גייסט בּעזיצט מעהר פוילקייט, אַלס אונזער קערפער
(לאַראָשפוקאָ). 488 ווען אַ פוילער וויל זיך פערטיי=
דיגען דורך רעליגיע, דאַרף ער זיין, שבּת — אַ יוד, זונטאַג —
אַ קריסט, מאָנטאַג— אַ גרעק דיענסטאַג — אַ פערסיאַנער, מיט=
וואָך—אַנ'אַסיריער, דאָנערשטאַג—אַנ'עגיפטער און פרייטאַג —
אַ טערק (זאַפיר). 489 ווען עס וואָלט אַלע טאָג געווען יום=
טוב, וואָלט אונז דאָס לעדיג=געהן געוואָרען פונקט אַזוי אונער=

טרעגליך ווי יעצט די אַרבײַט (שעקספּיר). 490 פֿוילקײַט איז די טאָכטער פֿון רײַכקײַט און די מוטער פֿון אָרעמקײַט (דעקורסעל). 491 דער פֿוילער איז אַ חיה, וואָס עסט צײַט (דעקורסעל).

באַרעמהערציגקייט, נדבה, וואהלטהאט. 492 מיר האָבען אימער גענוג כח איבערצוטראָגען יענעמס צרות (לאַראָשפֿוקאָ). 493 מיטלײַד איז אַ פֿאָרגעפֿיהל פֿונ׳ם אונגליק, וועלכעס קאָן אויך אונז טרעפֿען (לאַראָשפֿוקאָ). 494 מיר האָבען געוועהנליך מיטלײַד מיט די יסורים, פֿון וועלכע מען שטאַרבט (אַלפֿרעד מיסע). 495 מיטלײַד איז דער קאָמוניזם פֿונ׳ם האַרצען (דעקורסעל). 496 באַרעמהערציגקײַט, וועלכע האָט מיטלײַד מיט דעם מערדער, בעגעהעט זעלבסט אַ מאָרד (שעקספּיר). 497 בײַ אַן׳אָרעמאַן בעט מען נישט קיין נדבה (גאָרקי). 498 ווער עס איז מְנַדֵב פֿאַר׳ן טויט, שענקט נישט זײַנס, נור די יורשים׳ס. 499 עס איז נישטאָ קיין עקעלהאַפֿטערער מענש, אַלס דער, וועלכער גיעט אַ נְדָבָה, אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין אונגליקליכערער מענש, אַלס דער, וועלכער נעהמט זי (גאָרקי). 500 מען קאָן דאָך אַלעמען נישט געבען! זאָגט דער אונבאַרעמהערציגער, און גיעט נישט קיינעם (עשענבאַך). 501 האָבען און נישט געבען איז אין געוויסע פֿאַלען ערגער, ווי גנב׳נען (עשענבאַך). 502 גיעט, נור אויב ס׳איז מעגליך, בעפֿרײַט ליעבער דעם אָרעמאַן פֿון דער שאַנדע אויסצושטרעקען די האַנד (דידראָ). 503 בעטלערײַ איז די אַרבײַט פֿון די פֿוילע (דעקורסעל). 504 דורך בעטלערס פֿאַלען אָפֿט גרויסע מענשען (שעקספּיר). 505 נור יענער פֿערדיענט דעם נאָמען וואָהלטהעטער, ווער עס טהוט אימער גוטעס (לעמאָנטיי). 506 ווען דער קורס פֿון וואָהלטהעטיגקײַט פֿאַלט, שטײַגט דער קורס פֿונ׳ם רובעל (פֿלאַטען). 507 וואָהלטעהטיגקײַט געפֿינט מעהר פֿערעהרער ווי נאָכטהוער (בואַסט). 508 אויך די וואָהלטהעטיגקײַט האָט, ווי די קונסט, איהרע שעפֿפֿער און איהרע דילעטאַנטען (עשענבאַך). 509 ווער עס גיעט באַלד, גיבט צווײַמאָל

(פובליליוס סירוס). 510 פֿעֶרשטאַנד מאַכט אונז פֿאַר פֿילאָזאָפֿעֶן, עֶהרעֶ — פֿאַר העֶלדעֶן, וואָהלטהאַט אָבעֶר — פֿאַר קלוגעֶ (וואָווענאַרג). 511 עֶס לעֶבט נור יעֶנעֶר, וועֶלכעֶר לעֶבט נישט פֿאַר זיך אַליין (מענאַנדעֶר).

ענערגיע, ווילען. 512 געֶלד פֿעֶרליערעֶן—גאָר נישט פֿעֶרלוירען, צייט פֿעֶרליערעֶן—פֿיעל פֿעֶרלוירעֶן; עֶנעֶרגיעֶ פֿעֶרליעֶרען — אַלעֶס פֿעֶרלוירעֶן (ריבעֶירא). 513 עֶנעֶרגיעֶ שטיצט זיך אויף ליעבעֶ (טאָלסטאָי). 514 דעֶר טראָפֿעֶן לעֶכעֶרט דעֶם שטיין נישט דורך קראַפֿט, נור דורך זיין אָפֿטעֶס פֿאַלעֶן (חעֶרילאָם), 515 צופֿאַל און שיקזאַל זעֶנעֶן נור ווערטעֶר; אָנגעֶשטרעֶנגטעֶ עֶנעֶרגיעֶ—אָט דאָס איז דעֶם מעֶנשעֶנס שיקזאַל (יום). 516 דעֶם מעֶנשעֶנס אונאויפֿהעֶרליכעֶ איבונג, געֶוועֶנרעֶט צו איין ציעל, קאָן עֶנדליך טריומפֿירעֶן איבעֶר נאַטור און וויסעֶנשאַפֿט (ציצעֶראָ). 517 דעֶם מעֶנשעֶן פֿעֶהלט נישט קראַפֿט, עֶס פֿעֶהלט איהם ווילעֶן (וו. הוגאָ). 518 פֿיר אַ מעֶנשעֶן, וועֶלכעֶר קאָן וועֶלעֶן, איז קיין אונמעֶגליכעֶס פֿאַרהאַן (מיראַבאָ). 519 ווילעֶן איז נור אין פֿרייהייט (זשאַן זשאַק רוסאָ). 520 דעֶר ווילעֶן מאַכט דעֶם מעֶנשעֶן גרויס אָדעֶר קליין (שילעֶר). 521 די שולד פֿון אַ פֿעֶרבּרעֶכעֶן איז נישט אין דעֶר טהאַט, נור אין׳ם ווילעֶן (ראַאופֿאַך). 522 אַלעֶ בּעֶשעֶפֿעֶנישעֶן מוזעֶן, נור דעֶר מעֶנש איז אַ בּעֶשעֶפֿעֶניש, וועֶלכעֶס וויל (שילעֶר). 523 ווער עֶס גלויבּט פֿעֶסט אין דעֶר ווילעֶנס־פֿרייהייט פֿונ׳ם מעֶנשעֶן, האָט נאָך קיינמאָל נישט געֶליעֶבּט און קיינמאָל נישט געֶהאַסט (עֶשעֶנבּאַך). 524 ווילעֶנס־קראַפֿט אָהן ווילעֶנס־איידעֶלקייט בּילדעֶט דעֶם שלעֶכטעֶסטעֶן חאַראַקטעֶר (ווּעֶבּעֶר). 525 ווער עֶס וויל נישט, ווען עֶר קאָן, דעֶר קאָן שוין נישט, ווען עֶר וויל (לאַטייניש. שפּריכוואָרט). 526 דעֶר מעֶנש קאָן טהון אַלעֶס, וואָס עֶר וויל, אויבּ עֶר וועֶט נור וועֶלעֶן טהון אַלעֶס, וואָס עֶר קאָן (זאַפֿיר).

עניוות. שטאָלץ. 527 איבּעֶרמעֶסיגעֶ עניוות איז דאָס זעֶלבּעֶ, וואָס איבּעֶרמעֶסיגעֶר שטאָלץ (שעֶניעֶ). 528 דעֶר גרעֶסטעֶר עֶנוו האַלט פֿון זיך מעֶהר, ווי עֶס האַלט פֿון איהם זיין

בּעֶסטעֶר פֿרײַנד (עֶ ש עֶ נ בּ אַ ך). 529 ענִיוות אִיז אַ מעלה, װעֶלכֿעֶ
װעֶרט פֿון פֿרױעֶן מעֶהר געֶלױבּט, װי געֶליִעבּט (ש עֶ ר י ד אַ ן).
530 ענִיוות דאַרף צו זײַן די מעלה פֿון אַזעֶלכֿעֶ, װעֶלכֿעֶ האָבּעֶן
ניִשט קײַן אַנדעֶרעֶ (ק ײ ז עֶ ר ס ט אַ נ י ס ל אַ װ ל עֶ ש צ י נ ס ק י).
531 װיעֶר עֶס האַלט ניִשט פֿון זיִך צופֿיִעל, אִיז אָפֿט העֶכֿעֶר
אַלס עֶר רעֶכֿעֶנט (ג עֶ ט עֶ) 532 זעֶלבּסט־עֶרניִדעֶרונג אִיז העֶס־
ליִכֿעֶר, אַלס זעֶלבּסט־פֿעֶרעֶהרונג (ש עֶ ק ס פּ י ר). 533 װעֶן מיִר
זאָלעֶן אַלײַן ניִשט געֶװעֶן שטאָלץ. װאָלטעֶן מיִר זיִך אױך ניִשט
בּעֶקלאָגט אױף דעֶם שטאָלץ פֿון אַנדעֶרעֶ (ל אַ ר אָ ש פֿ ו ק אָ).
534 עֶס האָט אַ טעות יעֶנעֶר, װעֶלכֿעֶר רעֶכֿעֶנט, דאָס עֶר קאָן
זיִך בּעֶגעֶהן אָהן אַנדעֶרעֶ, אַ גרעֶסעֶרעֶן טעות אָבּעֶר האָט אַזעֶל־
כֿעֶר, װאָס רעֶכֿעֶנט, אַז אַנדעֶרעֶ קאָנעֶן זיִך ניִשט בּעֶגעֶהן אָהן
אִיהם (ל אַ ר אָ ש פֿ ו ק אָ). 535 דאָס גרױס־האַלטעֶן זיִך אִיז
אַלעֶמאָל געֶװעֶן דעֶר חסרון פֿון די פֿרעֶבּעֶיעֶר (הכון) (עֶ ש עֶ נ־
בּ אַ ך). 536 עֶס טרעֶפֿט אַמאָל, דאָס פֿון אַ בּאַרג װעֶרט געֶבּױ־
רעֶן אַ מױז עֶס טרעֶפֿט אָבּעֶר אױך. דאָס אַ מױז בּיִלדעֶט זיִך
אײַן, אַז פֿון איִהר אִיז געֶבּױרעֶן געֶװאָרעֶן אַ בּאַרג עֶ ש עֶ נ־
בּ אַ ך). 537 קוק דעֶם מעֶנשעֶן גלײַך אִין פּניִם, ניִשט אױפֿהױ־
בּעֶנדיִג דעֶם קאָפּ בּיִזן היִמעֶל און ניִשט אַראָבּלאָזעֶנדיִג בּיִז
דעֶר עֶרד (ש עֶ ל עֶ ר מ י כֿ אַ י ל אָ װ).

אײנהײט, מחלוקת.

538 אײַנהײַט מאַכֿט שטאַרק
(פֿ ר אַ נ צ ו ז י ש. ש פּ ר י כֿ װ אָ ר ט). 539 מוטה בּעֶשאַפֿט
זיִגעֶר, אײַנהײַט—אוּנבּעֶזיִעגבּאַרעֶ (ד עֶ ל אַ װ י ן). 540 נעֶהם
פֿונאַדעֶר דעֶם דונעֶר אױף זײַנעֶ אײנפֿאַכֿעֶ טעֶנעֶר װעֶסט מיִט
איִרם קאָנעֶן אַ קיִנד אײַנשלעֶפֿעֶרעֶן, פֿעֶראײַניִג אָבּעֶר אַלעֶ טעֶנעֶר
אִין אײן היִלך, װעֶט פֿאַר איִהם דעֶר היִמעֶל ציִטעֶרעֶן (ש י ל עֶ ר).
541 אַ מחלוקת עֶנטשטעֶהט אָפֿט דאַרום, װײַל מעֶן פֿעֶרשטעֶהט
ניִשט אײנעֶר דעֶם צװײטעֶן (װ אָ ל ט עֶ ר). 542 אַ מחלוקת װאָלט
ניִשט לאַנג געֶדױעֶרט װעֶן נור אײן צד װאָלט געֶװעֶן אומגעֶרעֶכֿט
(ל אַ ר אָ ש פֿ ו ק אָ). 543 װעֶן צװײ מעֶנשעֶן קריִגעֶן זיִך, אִיז דעֶר
קלוגעֶר שטעֶנדיִג אומגעֶרעֶכֿט (ג עֶ ט עֶ. 544 װעֶן צװײ מעֶנשעֶן קריִ־
געֶן זיִך, זעֶנעֶן זײ געֶװעֶהנליִך בּײדעֶ אומגעֶרעֶכֿט (ט אָ ל ס ט אָ י).

פריינדשאַפט, פיינדשאַפט.

1) בעסער פערליערען אַ גוט וואָרט, איידער אַ גוטען פריינד (בּואַלאָ).

2) בעסער פערליערען אַ גוטען פריינד, איידער אַ גוט וואָרט (האָראַץ).

3) איך האָב דרייערליי פריינד: פריינד, וועלכע ליעבען מיך, פריינד, וועלכע קימערען זיך נישט וועגען מיר, און פריינד, וועלכע האַסען מיך (שאַמפאָר).

4) זיעבען פריינד ברענגען אונז נישט אַזוי פיעל גוטצען, וויפיעל איין פיינד — שאָדען (לאַמאָט).

5) ווילסטו איינעם ליעב האָבען, פאָדער נישט פון איהם צו פיעל (קאָצעבוע).

6) די מענשען זענען נישט אַזוי גוט, ווי עם שילדערען זיי די פריינד, און נישט אַזוי שלעכט, ווי עם שילדערען זיי די פיינד (קניגגע).

7) ווער עם האָט דיך ליעב געקריעגען איבער אַ נאַרישקייט, קאָן דיך אויך פיינד קריעגען איבער אַ קלייניגקייט (פעניני).

8) ווען פריינדשאַפט ענדיגט זיך, פאַנגט זיך אָן העפליכקייט (שעקספיר).

9) פאַלשע פריינדשאַפט טהוט אונז מעהר שלעכטעם אַלס אָפענע פיינדשאַפט (מאָרים).

10) היט דיך פאַר דיין פריינדס פיינד גלייך, ווי פאַר דיין פיינד'ס פריינד (מיזדאַני).

11) פריינדשאַפט ענטציקט נישט די פרויענצימער; זי שיינט פאַר זיי צו בלאַס אין פערגלייך מיט ליעבע (לאַראָשפוקאָ).

12) ליעבע איז פער'שכור'גדער וויין, פריינדשאַפט — ערפרישענדעס וואַסער.

13) אַ שלעכטער פריינד איז דער, וועלכער האָט פיעלע פריינד.

14) א פאלשער פריינד איז געפעהרליכער פאר אנ'עהרליכען פיינד (מאקאראוו).

15) ווער עס זוכט א פריינד אהן חסרונות, בלייבט אהן א פריינד (טערקישעס שפריכווארט).

16) היט מיך גאט פון מיינע פריינד, פאר מיינע פיינד וועל איך מיך זעלבסט היטען (נאפאלעאן).

17) פאלשע פריינד זענען, ווי די וואנדער=פויגעל, וועלכע קומען נור צו פליהען אין דער גוטער צייט און אין דער שלעכטער – פליהען זיי אוועק (בואסט).

18) איראניע פערניכטעט די פריינדשאפט (בואסט).

19) אנ'איבערגעבעטענער פיינד איז ווי א צונויפגעקלעבטער צו=בראכענער שפיעגעל (סוטאר).

20) דעם אנטלויפענדען פיינד בוי א גאלדענע בריק (סציפיא).

21) דער געפעהרליכסטער פון אונזערע פיינד איז דער העפליכער (אויפענבערג).

22) זעלטען האבען מיר שונאים נישט צוליעב אונזער אייגענער שולד (בואסט).

23) אנ'אונגעפעהרליכער פיינד איז בעסער פאר אנ'אונ=נוצליכען פריינד (מידאני).

24) דאס גרעסטע שלעכטס, וועלכעס דער שונא קאן אונז טהון, איז, דאס ער געוועהנט אונזער הארץ צום האסען (בואסט).

25) ליעבע איז קורצזיכטיג, האס–בלינד (די הרינגספעלד).

26) די מענשען האבען אנ'אייגענשאפט צום האסען דעם וועלכען זיי בעליידיגען (טאציטוס).

27) דעם שונא'ס טוידטער קערפער שמעקט אימער (קארל IX).

28) מען דארף פערצייהען דעם שונא, אבער נור דאן, ווען ער איז שוין אויפגעהאנגען (היינע).

29) בעסער איז ענטוואפענען דעם שונא, איידער איהם בעזיעגען (בואסט).

צוטרויען.

30) ווער עס האט צוטרויען צו זיך זעלבסט, געווינט אויך צוטרויען ביי אנדערע (געטהע).

31) דער מענש פערשטעהט נור דאן דאס לעבען, ווען ער האט צוטרויען צו זיך זעלבסט (ג ע ט ה ע).

32) פארזיכטיג זאל מען זיין אין צוטרויען. פארזיכטיגער אבער — אין אונצוטרויען (ע ט וו ע ש).

געוויסען, חרטה.

33) געוויסען איז דאס געזעץ דער געזעצען (ל א מ א ר ט י ן).

34) דער מענש דארף זיין דער הערר פון זיין ווילען און דער שקלאף פון זיין געוויסען (ע ש ע נ ב א ך).

35) געוויסען איז די שטימע פון דער נשמה, ליידענשאפט — איז די שטימע פונ'ם קערפער (ז ש א ן ז ש א ק ר ו ס א).

36) פאר דעם, וועלכער גלויבט נישט אין געוויסענסביסע, עגזיסטירען זיי אויך נישט.

37) עהרע איז אונזער אויסערליכעס געוויסען; געוויסען — אונזער אינערליכע עהרע (ש א פ ע נ ה ו י ע ר).

38) נישט אלעמאל איז מעגליך זיך צוהאלטען אזוי ריין, ווי די שטימע פון אונזער געוויסען הייסט אונז (ש י ל ע ר)

39) געוויסענהאפט קאן נור זיין דער טעארעטיש=בעטראכ=טענדער, דער פראקטיש=טעטיגער איז שטענדיג געוויסענלאז (ג ע ט ה ע).

40) א גוטעס געוויסען איז דאס בעסטע שלאף=קישען (א וו י ד י ו ס).

41) געוויסענס=פרייהייט איז א רעכט, וועלכעס אלע מענשען בעקומען פון דער נאטור צוזאמען מיט דעם לעבען (פ ע ן).

42) דאס געוויסען ווארענט אונז ווי א פריינד, איידער עס שטראפט אונז ווי א ריכטער (ק ייז ע ר ס ט א נ י ס ל א ו).

43) איטליכער וויל, דאס זיין שכן זאל האבען געוויסען (ג א ר ק י).

44) געוויסען איז א געריכטס=הויז, וואו דער מענש ווערט גלייכצייטיג זיין בעשולדיגער, עדות, ריכטער און הענקער (ל א ל ו צ ע ר ן).

45) עס איז נישטאָ קיין פיינינגענדערע זאַך, ווי אַ צו שפּעטע חרטה (דיקענס).

46) חרטה האָבען הייסט – צוגעבען צו דער בעגאַנגענער נאַרעשקייט אַ פרישע (ניצשע).

47) מען קאָן ענטלויפען פונ'ם פאַטערלאַנד, אָבער נישט פון זיך זעלבסט (האָראַציוס).

48) חרטה האָבען הייסט – נישט אַזוי בעדויערען דאָס בעגאַנגענע פערברעכען, ווי זיך פירכטען פאַר די פאָלגען (לאַראָשפוקאָ).

מוטה, זיעג.

49) מוטה איז די קראַפט פונ'ם שוואַכען (פענעלאָן).

50) דער מוטה איז נעהנטער צו דער טהאַט, אַלס דער ווילען (געטע).

51) דער וואַהרער מוטה איז נישט נור אַ לופט=באַלאָן צו קומען אין דער הויך; ער איז אויך אַ פאַל=שירם נישט צוריק אַראָב=צופאַלען (בערנע).

52) דער בעסטער טייל פון דער מוטהיגקייט איז די פאָרזיכטיגקייט (שעקספּיר).

53) דער וואַהרער מוטה בעשטעהט אין קענען איבערטראָגען ליידען (וואָלטער).

54) אין'ם קאַמפף זיעגט נור דער, וועלכער גלויבט פעסט אין זיין זיעג (טאָלסטאָי).

55) ווער עס קאָן נישט זיעגען, מוז קאָנען שטאַרבען (אַנדריעוו).

56) זיך זעלבסט בעקעמפפען איז דער שווערסטער קאַמפף, זיך זעלבסט בעזיעגען איז דער שענסטער זיעג (לאָגאַאו).

57) דער בעסטער זיעג איז פערציַיהונג (שילער).

58) וואו ס'איז קיין פיינד נישטאָ, איז קיין זיעג פאַרהאַן (באַלזאַק).

59) איבערצייגען איז וויכטיגער, אַלס זיעגען (פירמאָן).

געפאהר, מורא.

60) מען דארף נור יעדען טאג שרייען וועגען א געפאהר, און די געפאהר וועט קומען (זאלא).

61) אויך אין דער גרעסטער געפאהר זוכט זיך דער מענש פערגעניגען (געטהע).

62) וואס נעהנטער די געפאהר, גרעסער איז דער מוטה (בייראן).

63) עס ציטערט דער שרעקעדיגער, ווען די געפאהר איז נאהענט, דער מוטהיגער — ווען זי איז שוין אריבער (זשאן פויל).

64) מען אכטעט געוועהנליך די, פאר וועלכע מען האט מורא (גארקי).

65) בעסער א שרעקליכע ענדע, אלס אנ'אונענדליכע שרעק (שילער).

66) קיין אונגליק איז נישט אזוי גרויס, ווי גרויס עס איז די מורא פאר איהם (טשאקע).

67) דער וואס טרינקט זיך, שרעקט זיך נישט פאר א רעגען־גוס (מיידאני).

68) אויך דער שרעקעדיגער דראהט, ווען ער פיהלט זיך זיכער (געטע).

69) דער אונערשראקענער איז נישט וועניגער שטארק, אלס דער, פאר וועמען אלע שרעקען זיך (שילער).

70) דער זעלבסט־מערדער איז א פחדן, וועלכער ענטלויפט פאר'ן ענדע פונ'ם קריעג (בעשערעל).

71) ווער עס שרעקט זיך פאר ליידען, דער ליידט שוין פון שרעק (מאנטען).

72) האב מורא פאר דעם, וועלכער האט מורא פאר דיר (פערסיש. שפריכווארט).

מעסיגקייט, לוקסוס, מאדע.

73) לייכטער איז העלפען א הונגעריגען, אלס אנ'איבער־געגעסענעם (עשענבאך).

74) זײַ בײַם טיש, נור שפּאַר דיך נישט אָן אויף איהם מיט'ן גאַנצען קערפּער (פּיטהאַגאָראַס).

75) מעסיגקייט איז דאָס רײַכקייט פון די אָרעמע, בעגיעריגקייט — דאָס אָרעמקייט פון די רײַכע (פּובליליוס סירוס).

76) מען קאָן זיך נור אָבהאַלטען פון'ם ערשטען בעכער, אָבער נישט פון'ם צווייטען (בערנע).

77) די מעסיגקייט איז דער בעסטער דאָקטאָר (פּלוטאַרך).

78) מעסיגקייט פיהרט צו גלײַכגילטיגקייט (דעקורסעל).

79) דאָס, וואָס איז אוננויטיג, איז אימער איבעריג. (לאַטייניש שפּריכוואָרט).

80) לוקסוס האָט דעם נוץ, וואָס אָרעמע לײַט האָבען צו טהון, וואָלט אָבער קיין לוקסוס נישט געווען, וואָלטען אויך קיין אָרעמע לײַט נישט געווען (זשאַן זשאַק רוסאָ).

81) מעהר מענשען זענען אומגעקומען פון לוקסוס, אַלס פון מאַנגעל (טעאָגאָניס).

82) דער גרויסשטאָדטישער לוקסוס ערנעהרט מעהר אָרעמע לײַט, אַלס די פילאַנטראָפּיע (מאָמזען).

83) לוקסוס איז נור אין אַזאַ לאַנד ערלויבט, וואו קיינער שטאַרבט נישט פאַר הונגער (בואַסט).

84) די מאָדע איז דער אָבגאָט, צו וועלכען די פרויען אָפּפערען אָפט זייערע אייגענע קינדער (בואַסט).

85) דאָס פערענדערען זיך פון דער מאָדע איז אַ בעווייז אויף די פערענדערליכקייט פון אונזער געשמאַק און גייסט (פיערמאָן).

86) אין די הויכע אַריסטאָקראַטישע קרייזען קאָן מען אַרײַנקומען נור אין פראַק, מונדיר אָדער ליוורעע (עשענבאַך).

87) ווען אַ מאָדע ווערט איבעראַל אָנגענומען, פאַנגט זי אָן אונטערצוגעהן (עשענבאַך).

88) דער בעסטער בעווייז פון פרויען־ליעבשאַפט איז דאָס אָפּפערען מיט דער מאָדע (בואַסט).

גאָלד, געלד, חובות.

89) דורך אַ שטיין פּרובט מען גאָלד, און דורך גאָלד — אַ מענשען (ווינקלער).

90) מיט גאָלדענע קוילען טרעפט מען אימער אין ציעל (דיהרינגספעלד).

91) אַ גאָלדענער דור איז געווען נור דאַן, ווען דאָס גאָלד האָט נאָך נישט געהערשט (לעזע דע מאַרנעזיאַ).

92) מיט אַ גאָלדען העמערעל קאָן מען אייזערנע טויערען צוברעכען (לעהמאַן).

93) גאָלד איז אַ קראַפט און וואָס מעהר די יאָהרען שוואַכען אונז אָב, מעהר זוכען מיר דאַרין שטיצע (בואַסט).

94) גאָלד איז דאָס בלוט פֿונ'ם געזעלשאַפטליכען קערפּער; די בירגער, וועלכע האָבען עס צו ווענינ אָדער צו פּיעל, זענען קראַנק (בואַסט).

95) חאָטש די מאַכט איז אַ ווילדער בער, פיהרט איהר דאָך דאָס גאָלד פאַר די נאָז (שעקספּיר).

96) געלד איז אַ שענע זאַך, נור די מענשען ווייסען נישט, ווי דאַמיט זיך צוּבּעגעהען (הירצל).

97) געלד איז אַ מעטאַלענער אָבּזאַץ פיר קליינינקע מענשע־לעך, זיי זאָלען אויסזעהן אַזוי הויך ווי אַנדערע (זאַפיר).

98) געלד איז אַ שלעכטער הערר, אָבער זעהר אַ גוטער דיענער (בעקאָן).

99) ווער עס רעכענט, אַז מיט געלד קאָן מען אַלעס מאַכען, איז אויך פעהיג פאַר געלד אַלעס צו טהון (בואַסט).

100) געלד איז, ווי ים־וואַסער; וואָס מעהר מען טרינקט עס, מעהר דורשט זיך (שאָפּענהויער).

101) געלד איז ביי קלוגע — אַ מיטעל, ביי נאַרען — אַ צוועק (דעקורסעל).

102) עס איז נאָך ווענינ געלד צו ליעבען, מען דאַרף אויך, אַז דאָס געלד זאָל דיך ליעבען (ראָטשילד).

103) דאָס גרעסטע אומגליק איז, דאָס גאָט האָט בעשאַפען צו וועניג געלד (היינע).

104) געלד—דאָס איז גאָלדענע טרעהרען, וועלכע דאָס שיקזאַל פערגיסט איבער דעם קאָפּ פון אַ מענשען, וואָס האָט נישט קיין הארץ אין דער ברוסט (זאַפיר).

105) געשעפט איז פריהער פון אַלץ (אַמעריק. שפּריכוואָרט).

106) די בערזע איז דער טעמפעל פון די נייע געצענדינער: זייערע געטער זענען שטיקער גאָלד, זייערע הייליגע בילדער — די באַנק=פּאַפּירען, זייער גאָטעס=דינסט — די שפּעקולאַציעס, זייער תשובה — די ליקווידאַציע (מאַקאַראָו).

107) מיט אַ קליינער הלואה קויפט מען זיך אַ בעל־חוב, מיט אַ גרויסער — אַ שונא (סענעקאַ).

108) מען זאָגט אָפט: יענער איז בדלות געוואָרען, ווייל ער האָט אָנגעמאַכט חובות; דאָס איז אָבער נישט ריכטיג; עס איז נור דאַרום, ווייל ער האָט זיי בעצאָהלט (זאַפיר).

109) באָרגען איז נישט פיעל בעסער פון בעטלען, אַזוי ווי פערבאָרגען אויף פּראָצענט — איז נישט פיעל בעסער פון גנב'נען (בואסט).

קאַרגשאַפט. פערשווענדונג.

110) דעם אָרעמאַן פעהלט פיעלעס, דער קאַרגער אָבער האָט גאָר נישט (פּובליליוס סיריוס).

111) דאָס לעבען פון אַ קאַרגען איז אַ קאָמעדיע, וועלכער מען אַפּלאָדירט נור נאָכ'ן לעצטען אַקט (דיובע).

112) דער דעוויז פון אַ קאַרגען איז — לעבען ווי אַ קבצן און שטאַרבען אַ גביר (פּטיסען).

113) דער פערשווענדער רואינירט זיינע יורשים, דער קאַרגער — זיך זעלבסט (לאַבריער).

114) אַ קאַרגער קויפט זיך איין שונאים און אַ פערשווענדער — פריינד, וואָס זענען ערגער ווי שונאים (העבעל).

115) אַ קאַרגער קאָן און וויל נישט, אַ פערשווענדער וויל ביז ער קאָן נישט (העבעל).

116) דער קאַרגער גנב'עט ביי זיינע בעדערפֿעניסען, אום רייך צומאַכען זיין איינבילדונגס – קראַפֿט (באָסט).

117) צוויי זענען אוננוצליך ביים לעבען: אַ קאַרגער און אַ געשטאָפּטער חזיר (זאַפֿיר).

118) דער טויט פֿון אַ קאַרגען איז זיין איינציגע גוטע טהאַט (פּובליליוס סיריוס).

119) גיכער שטאַרבען טויזענד מענשען פֿון צופֿיעל טרינקען, איידער איינער פֿון דורשט (פֿריידאַנק).

120) אַ חזיר צוואַרפֿט מעהר ווי ער עסט (פֿיערמאָן).

121) ווער עס קויפֿט איבעריגעס, וועט באַלד פֿערקויפֿען נויטיגעס (פֿראַנקלין).

122) אַ קאַרגער קאָן אויך אַמאָל זיין אַ קלוגער, אַ פֿער־שווענדער איז אַלע מאָל אַ נאַר (מאַד. דע סאָמערי).

123) דער פֿערשווענדער עסט פֿריהשטיק מיט רייכקייט, מיטאָג מיט מאַנגעל, אָבענד־ברויט מיט אָרעמקייט און לעגט זיך שלאָפֿען מיט בזיון (פֿראַנקלין).

124) מעהר מענשען ווערען דערטרונקען אין ויין, אַלס אין וואַסער.

קנאה, רכילות.

125) די קנאה דויערט געוועהנליך לענגער, אַלס דאָס גליק פֿון די יעניגע, וועלכע מיר זענען מקנא (לאַראָשפֿוקאָ).

126) איינעם מקנא זיין, הייסט עס–זיך האַלטען נידריגער פֿאַר איהם (מאַד. גיבער).

127) אָפֿט זענען מיר מקנא אַזעלכע, וועלכע זענען אומ־גליקליכער פֿאַר אונז (דעטעים).

128) די מענשען האָבען אַנ'איינגעשאַפֿט צו בעשיטען מיט בלאָטע די יעניגע, וועלכע זענען העכער פֿאַר זיי (מערוואַנטעס).

129) שנאה איז לייכטער איינצושטילען ווי קנאה (לאַראָ־שפֿוקאָ).

130) האָב נישט מורא פאַר אַ הידרא מיט זיעבען קעפּ, נור פאַר אַ מענשען מיט צוויי צונגען (פּערסיש. שפּריכ-וואָרט).

131) דאָרט, וואו מוסרים ווערען בעלוינט, פעהלען נישט קיין פערברעכער (מאַלערב).

132) רכילות איז דאָס געוועהר פון קנאה (סעגיר).

133) עס קאָן אויך זיין, אַז דער לבנה געפעלט נישט אונזער ערד, וויל זי זעהט זי ביי נאַכט, ביי איהר בלאַסען שיין (לעאָפּאָלד שעפּער).

134) וואָס פאַר אַ רכילות מען זאָגט אויף אַ מענשען, פערדינט ער אַלץ צוואַנציג מאָל מעהר (טורגעניעוו)

135) ווער עס הערט רכילות, איז נישט וועניגער שולדיג פאַר דעם, וועלכער זאָגט עס.

כעס.

136) כעס איז דאָס געוועהר פון׳ם שוואַכען (סעגיר).

137) דאָס ענדע פון כעס איז דער אָנפאַנג פון חרטה (פּסיידאָ-פּובליליוס).

138) זיך בייזערען הייסט — זיך זעלבסט בעשטראָפען פאַר די שולד פון אַנדערע (פּאָפּ)

פערברעכען.

139) דעם מענשענס פערברעכען זענען פאַר אונז בעזאָנדערע, אַלס זיינע גוטע טהאַטען (פּאַסקאַל).

140) די גרויסע פערברעכען מאַכען דעם מענשען אַזוי אונשטערבליך, ווי די גרויסע העלדענ-טהאַטען (דעזאולירער).

141) כמעט אַלעס, וואָס מיר טהוען, איז אַ פערברעכען און נור אַ בלינדער זעהט דאָס נישט (אַנדריעוו).

חנופה.

142) ווער עס קאָן נישט ליעבען מוז קאָנען חנפ׳נען (געטע).

143) מען חנפ'עט דאָרט, וואו מען קאָן נישט לויבען (דעמאָ).

144) ווערה איז דעם, וועלכער געפֿעלט נישט קיינעם, היט' מיך אָבער גאָט פֿון דעם, וועלכער געפֿעלט אַלעמען (פֿירמאָן).

145) חנופה נויטיגט זיך נישט אין לאָגיק.

146) אייגענליעבע איז דער גרעסטער חונף (לאַראָשפוקאָ).

עגאָאיזם.

147) ווער עס בעקלאָגט זיך אויפ'ן עגאָאיזם איז אויך אַנ־עגאָאיסט (מולטאַטולי).

148) די מענשען זענען עגאָאיסטען, און נור שילער און נאַראָנים טראַכטען, דאָס זיי וועלען זיי איבעראַנדערשען (געטע).

149) מיר זענען אַלע אָהן אויסנאַהם עגאָאיסטען, זאָגאַר אינ'ם גרעסטען טרויער און אין די גרעסטע שמערצען (אַנדערסען).

150) אויף דער גרויסער וועלט־סצענע איז דער עגאָאיזם דער סופלער. (בואַסט).

151) מיר זענען אויף אַזוי פֿיעל עגאָאיסטען, דאָס דער עגאָאיזם פֿון אַנדערע רופֿט ביי אונז אַרויס פֿערדרוס (פֿירמאָן).

152) וואָס מען זאָל אונז זאָגען גוטעס וועגען אונז, איז עס פֿאַר אונז קיין נייעס נישט (לאַראָשפוקאָ).

153) שטרענגע פֿילאָזאָפֿען זענען מיר נור בנוגע צו די זאַכען, וועלכע אינטערעסירען אונז זעהר ווייניג (ד'אַרקאָנוויל).

154) ווען דו רעדסט ווי אַנ'עגאָאיסט, פֿערגעס נישט אָן דעם עגאָאיזם פֿון דיינע צוהערער (פֿירמאָן).

155) ווער עס נעהמט זיך צופֿיעל אָן פֿאַר פֿרעמדע אינטערע־סען, ווערט אימער דאַצו געטריעבען דורך זיינע אייגענע (בעיל).

156) פֿיעלע האָבען ליעב אין זיך דאָס, וואָס זיי האַסען אין אַנדערע (בענצעל־שטערנוי).

157) ווען ביי מיר ברענט דאָס הויז, וואַרעמען זיך דאַביי מיינע שכנים (אינדיש. שפּריכוואָרט).

158) מיר האלטען געוועהנליך פאר קלוג יענעם, וועלכער איז איינשטימיג מיט אונזערע מיינונגען (לאראשפוקא).
159) מיר ווילען ליעבער רעדען שלעכטס וועגען זיך, איידער אינגאנצען נישט רעדען וועגען זיך (לאראשפוקא).
160) דאס געפיהללאזיגקייט פונ'ם עגאאיזם גיט זיך אמאל א נאמען פילאזאפיע (בואסט).

לאנגוויילינקייט.

161) דאס געהיימניס לאנגוויליג צו זיין איז – אלעס ארויס-צוזאגען (וואלטער).
162) לאנגוויליגקייט איז דאס אונגליק פון די גליקליכע (וואלפאל).
163) לאנגוויליגקייט איז געקומען אויף די וועלט צוזאמען מיט פוילקייט (לאבריער).
164) לאנגוויליגקייט איז די מאכטער פון גליק (בואסט).

קינדהייט, יוגענד, עלטער.

165) די קינדהייט ווייזט אונז דעם מענשען, אזוי ווי דער מארגען – דעם טאג (מילטאן).
166) אין דער קינדהייט איז אונז די וועג צו גרויס, ווערען מיר עלטער איז פאר אונז די גאנצע וועלט צו קליין (שילער).
167) ווי שרעקליך וואלט אויסגעזעהן די וועלט, ווען עס וואלט נישט געווען קיין קינדער, וועלכע ברענגען מיט זיך די אונשולד און די מעגליכקייט פון פערפאלקאמונג (רעסקין).
168) קינדער זענען בעסערע פיזיאנאמיסטען, אלס דער-וואקסענע (מערסיע).
169) פאר קינדער עקזיסטירען נישט פערגאנגענהייט און צוקונפט, זיי לעבען נור אין דער געגענווארט (לאבריער).
170) קינדער זענען אנ'אבצאהלונג פאר קושען (דארא-שעוויטש).

171) קינדער זעגען א פיעליאָהריגע ערפאַרונג וועגען אײן גליקליכער מינוט (דאָראָשעוויטש).

172) קינדער זענען די לעבעדיגע בלומען פון דער ערד (גאָרקי).

173) אין קינדערשע שפּיעלען ליעגט אָפט א הויכער זין (שילער).

174) קלײנערהײד זענען אויך שלאַנגען שען (אַנדרײעוו).

175) דער'הרג'נען זײַן קינד — איז נאָך נישט דאָס ערגסטע, וואָס א פאָטער קאָן טהון מיט איהם (איבסען).

176) דער הויפט־פעהלער פון דער יוגענד איז, דאָס זי האַלט זיך אימער גליקליכער אָדער אונגליקליכער, אַלס זי איז (לעסינג).

177) אין דער יוגענד לערנט מען, אויף דער עלטער פער־שטעהט מען (עשענבאַך).

178) שענהײט אָהן יוגענד איז אַזוי אונבעקוועם, ווי יוגענד אָהן שענהײט (לאַראָשפוקאָ).

179) ווער עס פאָלגט נישט זײַנע עלטערען אין דער יוגענד, וועט פאָלגען דעם הענקער אויף דער עלטער (דייטש. שפּריכוואָרט).

180) לאַנג לעבען וויל יעדער, אַלט ווערען — קײנער (סוויפט).

181) דאָס עלטער איז אַ טיראַן, וועלכער פערוועהרט די פערוויַילונגען פון די יונגע לײַט דורך דראָהען מיט טויט־שטראָף (לאַראָשפוקאָ).

182) די עלטער איז פאַר אונוויסענדע — ווינטער, פאַר גע־לעהרטע — שניט־צײַט.

183) ווי שרעקליך די עלטער איז נישט, וויל עס דאָך יעדער דערלעבען (בואַסט).

184) אויף דער עלטער ווערט דער מענש קלוגער אָדער נאַרישער (לאַראָשפוקאָ).

185) אויף דער עלטער דאַרף מען זײַן טהעטיגער, ווי אין דער יוגענד (געטהע).

186) די ליעבע צום לעבען מאַכט אונז די עלטער ווינשענס־

ווערט, די פארכט אבער פאר'ן טויט מאכט זי אונז שרעקליך (לאבריער).

187) דאס עלטער ווייס אויסצומיידען די אונגליקליכע געשעהע=נישען, די יוגענד טראגט זיי אריבער (שאפענהויער).

188) אנ'אלטער פאעט, אנ'אלטער געליעבטער, אנ'אלטער זינגער און אנ'אלט פערד טויגען צו גארנישט (וואלטער).

189) אלטע האבען ליעב די רעגעלען, יונגע — די אויס=נאהמען (געטהע).

לעבען.

190) די לייכטזיניגקייט איז דאס בעסטע שווימגארטעל אינ'ם שטראם פון לעבען (בערנע).

191) גרוי זענען אלע טעאריעס, גרין איז נור דער בוים פון לעבען (געטהע).

192) די גרעסטע טראגעדיע איז דאס מענשליכע לעבען, וועלכעס איז צווישען „וויל" און „מוז" (גארקי).

193) צום לעבען דארף מען מעהר מוטה, ווי צום שטארבען (אנדרייעוו).

194) מענשען, וועלכע פערשטעהען נישט דאס לעבען, דארפען נישט מורא האבען פאר'ן טויט (טאלסטאי).

195) אלעס מוז אמאל נעהמען אנ'ענדע, אט דאס איז די גרעסטע מעלה פונ'ם לעבען (גארקי).

196) יעדע מינוט פון אונזער לעבען מוז האבען איהר הויכען ציעל (גארקי).

197) מיר לעבען נישט אום צו עסען, מיר עסען אום צו לעבען (סאקראטעס).

198) אום צו זיעגען אינ'ם לעבענס=קאמפף מוז מען האבען זעהר פיעל פערשטאנד אדער א הארץ פון א טיגער (גארקי).

199) ווען זאלסטו גלויבען, מיין ליעבער פריינד, דאס קאן איך דיר זאגען! גלויב דעם לעבען; עס לערנט בעסער ווי רעדנער און ביכער (געטהע).

200) דאָס גאַנצע געהיימניס דאָס לעבען צו פערלענגערען איז — עס נישט צו פערקירצען (פ ײ כ ט ע ר ס ל ע ב ע ן).

201) דאָס לעבען איז אַ קאַראַנטין פאַר׳ן גן־עדן (ו ו ע ב ע ר).

202) דער מאי פון׳ם לעבען בליהט נור איין מאָל (ש י ל ע ר).

203) דאָס לעבען איז אַ קראַנקהייט, דער שלאָף — אַ פּאַליאַטיוו. דער טויט — אַ ראַדיקאַלע רפואה (ו ו ע ב ע ר).

204) אוננוצליכעס לעבען איז אַ פריהצייטיגער טויט (ג ע ט ה ע).

205) לעבען הייסט — טרוימען, קלוג לעבען — אַנגענעהם טרוימען (ש י ל ע ר).

206) שטאַרבען איז גאָרנישט, נור לעבען און נישט זעהען, אָט דאָס איז אַנ׳אומגליק (ש י ל ע ר).

207) אַ גליקליכער מענש איז יענער, וועלכער קאָן דאָס ענדע פון זיין לעבען מיט דעם אָנפאַנג פערבינדען (ג ע ט ה ע).

208) אַלע שטאַרקע מענשען האָבען ליעב דאָס לעבען (ה ײ נ ע).

209) פאַרהאַן מענשען, וועלכע זענען געבוירען געוואָרען צו לעבען, פאַרהאַן אָבער אַנדערע, וועלכע זענען געבוירען צו שטאַרבען (א י ב ס ע ן).

210) אין דער מעטריקע שרייבט מען וואו און ווען איז דער מענש געבוירען געוואָרען, מען שרייבט נור נישט פאַר וואָס ער איז געבוירען געוואָרען (ז א פ י ר).

211) דאָס לעבען איז אַנ׳אויגענבליק צווישען צוויי עייביגקייטען (פ ל א ט א ן).

212) דעם מענשענס לעבען איז אַ קורצעס בליהען און אַ לאַנגדויערענדעס וועלקען (א ו ה ל א נ ד).

213) יעדער טאָג איז אַלעבען אין קליינעם פאָרמאַט: יעדעס ערוואַכען איז אַ קליינע געבורט, יעדער מאָרגען — אַ קליינע יוגענד און יעדעס איינשלאָפען — אַ קליינער טויט (ש אָ פ ע נ ה ו י ע ר).

214) אַלס איך בין געבוירען געוואָרען האָב איך געוויינט, און יעדער טאָג פון מיין לעבען ערקלערט מיר די אורזאַכע דערפון (ד י ה ר י נ ג ס פ ע ל ד).

215) אַ לעבען אָהן ליעבע איז אַ לאַנגע פאַבעל מיט אַ קורצען מוסר (זאַפיר).

216) שען איז יונגערהייד צושטאַרבען, נאָך שענער — גאָר־ ניט געבוירען צו ווערען (סאָפאָקלעס).

217) דאָס לעבען איז ניט מעהר ווי אַ ביס פון אַ ביהן, עס היילט זיך אויס צום בעסטען דורך פייכטע ערד (זאַפיר).

218) דעם מענשענס לעבען פאַנגט אָן מיט אַ געשריי און ענדיגט זיך מיט אַ קרעכץ (זאַפיר).

219) לעב אויך פאַר אַנדערע, ווען דו ווילסט, דאָס אַנדערע זאָלען לעבען פאַר דיר (בואַסט).

220) אויף דער וועלט איז אַלעס פאָראויסבעשטימט, נור דעם מענשענס לעבען איז צופעליג, זין־און צוועקלאָז (גאָרקי).

221) דאָס לעבען איז אַ באַזאַר, וואו אַלע ווילען געבען ווענינגער און נעהמען מעהר (גאָרקי).

222) לעבענס־פרייד איז נור אין'ם קעמפפען (אַנדריִעוו).

223) מען דאַרף זיך בעציהען צום לעבען גלייכגילטיג און זיך עס ניט פערשטערען דורך פילאָזאָפירען, אויך ניט שטעלען קיינע פראַגען (גאָרקי).

224) דאָס לעבען איז אַ קלייד: איז עס שמוציג, פוצט מען עס, איז עס געלעכערט, פערריכט מען עס און מען טראָגט עס, ווי לאַנג מען קאָן (באַלזאַק).

225) אונזער גאַנצעס לעבען געהט אַוועק פיר דאָס צו־ גרייטען זיך צום לעבען; ניט אומזיסט האָבען די אַלטע פילאָזאָפען געהאַלטען דאָס לעבען נור פאַר אַ פרוזדור צו אַנ־ אַנדערעס העכערס לעבען (פיערמאַן).

226) מיר שיידען זיך גערן מיט'ן לעבען, ווען מיר ווייסען, אז מען וועט דאַפון פיעל רעדען (פּאַסקאַל).

227) דאָס לעבען טאַליערט אונז ווי קאַרטען און נור צו־ פעליג, און אויך ניט אויף לאַנג, קומען מיר אויף אונזער אָרט (גאָרקי).

228) דאָס לעבען ווערט אָבגעשאַצט ווי אַ פאַבעל, ניט לויט די לענג, נור לויט דעם אינהאַלט (סענעקא).

229) וואָס איז אונזער לעבען? פיעל נאַרישע האָפנונגען אין דער צוקונפט, פיעל בעגאַנגענע דומהייטען אין דער פערגאַנגענהייט (קראַטשקאָווסקי).

230) ווענען קיין זאַך נישט קלערען — אָט דאָס איז דאָס בעסטע רעצעפּט פאַר אַ גליקליכעס לעבען (סאָפאָקלעס).

231) מיר קענען ניט אַרויסרייסען קיין איינציג בלאַט פון אונזער לעבען, חאָטש מיר קאָנען וואַרפען אין פייער דאָס גאַנצע בוך (זשאָרזש זאַנד).

232) דאָס לעבען גיעט אונז גאָט, אַוועקנעהמען קאָן עס יעדער שרץ (פּאַסקאַל).

233) אין דער ערשטער העלפט פונ'ם לעבען דאַרף דער מענש רעדען מיט די טויטע (ביכער), אין דער צווייטער — מיט די לעבעדיגע, אין דער דריטער — מיט זיך זעלבסט (בואַסט).

234) דאָס לעבען פון גרויסע מענשען ענדיגט זיך אָפט מיט אַ טראַגעדיע (בואַסט).

235) דער לעבענס־פאָדעם וואָלט שוואַכער געוואָרען. ווען ער וואָלט ניט געוועזען בענעצט מיט טרעהרען (פּיטהאַגאָראַס).

236) פונ'ם לעבענס־קאַמפף איז נאָך קיינער נישט אַוועק־געגאַנגען אונבעשעדיגט (רענאַן).

237) לעבען הייסט קעמפפען (סענעקאַ).

טויט.

238) דער מענש פערשטעהט נישט דאָס לעבען און וויל וויסען וואָס איז אַזעלכעס טויט (קאָנפוציוס).

239) אויך שטאַרבען דאַרף מען וויסען פון וואָס, און ווער עס איז פעהיג צו שטאַרבען פון אַ פערנאַכלעסיגטען נאָז־קאַטאַר איז ניט ווערט געוועזען, דאָס מען האָט איהם אַמאָל די האַנד געגעבען (אַנדרייעוו).

240) ווער עס ענטלויפט, קאָן אויך שפּעטער זיגען, דער טויטער אָבער בלייבט אויף שטענדיג ליגען (בוטלער).

241) דער זעלבסט-מערדער בעצאהלט זיין חוב פאר דער צייט (בייראָן).

242) אלס די ביסט געבוירען-געוואָרען האסט דו געוויינט און אנדערע זענען געווען רוהיג, זעה זשע ביים שטארבען, אז די זאלסט זיין רוהיג און אנדערע זאלען וויינען (שילער).

243) דער טויט איז א בעוויז, אז עס גיעבט ניט קיין מענש, וועלכער זאל זיין אונבעדינגט נויטיג אויף אונזער פלאנעטע (זאפיר).

244) דער מאָמענט פון אונזער געבורט איז דער אנפאנג פון אונזער ענדע (פיערמאָן).

245) שרעקליך איז נור היינט צו שטארבען (רוסיש. שפריכוואָרט).

246) ווער עס שטארבט, בעצאָהלט אלע חובות (שעקספיר).

247) ווער עס האָט מורא פאר'ן טויט, פערליערט דאָס לעבען (זיימע).

248) פון טויטע זאל מען רעדען נור גוטעס (דיאָגענעס).

249) פון טויטע זאל מען רעדען נור גוטעס, פון לעבעדיגע — נור שלעכטעס (היינע).

250) דערטרונקען זאל מען ווערען אין א ים, און נישט אין א בלאָטיג טייכעל (רוסיש שפריכוואָרט).

251) יעדעס מאל ווען איך זעה א דענקמאל פון א גרויסען מענשען, פרעה איך מיך, דאָס מען האָט איהם מיר נישט געשטעלט.

252) דער בעסטער פערמיטלער איז דער טויט (שילער).

253) גרויסע מענשען שטארבען נישט מיט קיין נאטירליכען טויט (געטהע).

254) בעסער ווילען מיר ליידען הונדערט יאָהר, איידער שטארבען איין מינוט (רוסיש. שפריכוואָרט).

255) מיר בעמיטליידען דעם מאנדזוכטיגען (לונאטיקער), וועלכער קריכט אויף דעם דאך און שפירט עס נישט, און מיר בעמיטליידען ניט דעם מענשען, וועלכער געהט צוזאמען מיט דעם טויט און קלערט וועגען עפעס אנדערש (וו. הוגא).

256) דער מענש קאָן קיין זאַך ניט בעזיצען, כל זמן ער האָט מורא פֿאַר'ן טויט, נור ווער עס האָט ניט קיין מורא דעם געהערט אַלעס (טאָלסטאָי).
257) קיינער פֿון די, וועלכע זידלען דעם טויט, האָט איהם נאָך נישט פֿערזוכט (סענעקאַ).
258) ווער עס האָפֿט צוריקצוקומען, דער געהט רוהיג אַוועק (סענעקאַ).
259) מען דאַרף בעוויינען די מענשען, ווען זיי ווערען געבוירען, און ניט ווען זיי שטאַרבען (מאָנטעסקיע).
260) דאָס לעבען דאַרף מען פֿערלאָזען ווי אַ באַל: דאַנקענדיג דעם הערר און צוזאַמען־נעהמענדיג די זאַכען (וואָלטער).
261) די ליעבלינגע פֿון די געטער שטאַרבען יונג (הורדוס).
262) שטאַרבען אום צו לעבען אין דער געשיכטע הייסט — פֿערקויפֿען דאָס לעבען פֿאַר אַ טראָפּען טינט (אָקסענשטירן).
263) אַ גרויס אומגליק איז זיך ווינשען דעם טויט, אַ גרעסערעס אומגליק אָבער איז — זיך פֿירכטען פֿאַר איהם (אָקסענשטירן).

צייט.

264) די צייטען בייטען זיך און מיר מיט זיי (קייזער לאָטהאַר).
265) די וואַהרהייט געהערט די מענשען, דער אירטהום — דער צייט (געטהע).
266) רעכענט אייך מיט דער צוקונפֿט, אין איהר איז דער סך־הכל (גאַרקי).
267) גלייכער איז צו טהון די גרינגסטע זאַך, ווי צו האַלטען אַ האַלבע שעה פֿאַר גרינג (געטהע).
268) די צייט איז אונבעוועגליך, ווי אַ ברעג פֿון אַ טייך. אונז דוכט, אַז ער געהט, וועהרענד אין אמת'ן געהען נור מיר (בואסט).
269) מיר בעקלאָגען זיך אָפֿט אויף די שלעכטע צייט, וועהרענד אין אמת'ן זענען נור מיר שלעכט (זאַפֿיר).

270) דעם גאַנג פֿון דער צײַט דערקענען מיר נור אָן די שפּורען, וועלכע זי לאָזט איבער נאָך זיך (פּיערמאָן).

271) די מענשען פֿערבּרענגען נישט די צײַט, די צײַט פֿערבּרענגט זיי (זאַפֿיר).

272) צײַט איז געלד (ענגליש. שפּריכוואָרט).

273) פֿאַרהאַן גנבים, וועלכע ווערען פֿון די געזעצען נישט בעשטראָפֿט, חאָטש זיי רויבען אַוועק בײַם מענשען דאָס טײַערסטע: די צײַט (נאַפּאָלעאָן).

274) די מענשען, וועלכע האָבען קיינמאָל נישט קיין צײַט, זענען געוועהנליך צום ווענינסטען בעשעפֿטיגט (ליכטענבּערג).

275) דער גרעסטער פֿערלוסט איז צײַט=פֿערלוסט (טעאָ=פֿראַסט).

276) זאָג מיר דײַן פֿערגאַנגענהייט, וועל איך דיר זאָגען דײַן צוקונפֿט (קאָנפֿוציוס).

ליעבע, איפערזוכט.

277) דאָס איינציגע מיטעל צו בעקעמפֿען ליעבע איז — פֿון איהר צו ענטלויפֿען (סערוואַנטעס).

278) בײַ ליעבע איז נישט פֿאַרהאַן מעהר אָדער ווענינער (טאָלסטאָי).

279) וויפֿיעל קעפּ — אַזוי פֿיעל זיננע, און וויפֿיעל הערצער — אַזוי פֿיעל ליעבעס (טאָלסטאָי).

280) דער האַס איז פּאַרטייאיש, די ליעבע נאָך מעהר (געטהע).

281) ליעבע איז דער גאָלדענער לייטער, אויף וועלכען דאָס האַרץ שטײַגט צום הימעל (גייבעל).

282) עס איז שווער צו ליעבען אַ פֿרוי און זיך מיט עפּעס בעשעפֿטיגען (טאָלסטאָי).

283) ליעבע איז פֿאַר אַ פֿרויענצימער — לעבען, פֿאַר אַ מאַנס=פּערזאָן — אַנ׳עפּיזאָד פֿונ׳ם לעבען (זשאָן פּויל).

284) ליעבע איז דער געטליכער טראָפּען, וועלכען די געטער

האבען ארייַנגעגאסען אין דעם בעכער פון לעבען, אום זיין ביטער־קייט צו פערזיסען (ראטשעסטער).

285) דאס ליידען פון ליעבע איז צו זיס, אום צו זוכען דאצו א מיטעל, און ווען מען זוכט, איז שוין געוועהנליך צו שפעט (וויעלאנד).

286) עס קריעגען זיך די ליעבענדע, אום די ליעבע צו בענייַען (טערענציוס).

287) אינ'ם מעדכען ליעבען מיר דאס, וואס זי איז, אינ'ם יונגלינג דאס, וואס ער פערשפרעכט צו זיין (געטהע).

288) אין דער יוגענד לעבען מיר פאר די ליעבע, אויף דער עלטער ליעבען מיר פאר דאס לעבען (עווראמאן).

289) וועגען וואהרע ליעבע און גליק קאן מען זאגען דאס זעלבע, וואס וועגען שדים; אלע רעדען וועגען זיי און געזעהען האט זיי נאך קיינער נישט (לאראשפוקא).

290) פארהאן מענשען, וועלכע וואלטען זיך קיינמאל נישט פערליעבט, ווען זיי זאלטען קיינמאל נישט געהערט וועגען ליעבע (לאראשפוקא).

291) די פערליעבטע ווערט קיינמאל נישט מיאוס צו רעדען, ווייל זיי רעדען אימער וועגען זיך (לאראשפוקא).

292) ווי פאר דעם פלאם א ווינד, אזוי איז פאר די ליעבע א הינדערניס (לאפעדעוועגא).

293) אם שטארקסטען וואקסט די ליעבע, וועלכע איז בעגאסען מיט צושיידונגס־טרעהרען (פיערמאן).

294) ליעבע אהן שרעק און האפנונג איז, ווי א לאמפ אהן פייער און נאפט.

295) די אלטע גריעכען האבען געשילדערט די ליעבע אין געשטאלט פון א פרוי מיט א פאקעל, די הייַנטיגע ליעבע טראגט אויך א פאקעל נור נישט אום צו בעלויכטען דאס געזיכט פונ'ם געליעבטען, נור זיינע טאשען (זאפיר).

296) ליעבע איז א בעוואפענטער פריעדען, הייראטה — אנ־ענטוואפענטער קריעג (זאפיר).

297) די שפראך פון דער ליעבע איז ווי די שפראך פון די

דוימער; מען שרייבט נור אויף איהר, אָבער רעדען קאָן מען נישט (זאַפיר).

298) ביי ליעבע איז, ווי אין אַ קריעג, זעהר אַנגענעהם צוזיעגען; טיילמאָל איז אָבער נוצליכער אין דער צייט צוריק־צוטרעטען (זאַפיר).

299) ליעבע איז אַ שליסעל צו אַ פֿרויען־האַרץ, נור דער געליעבטער פֿערגעסט אָפט צו פֿערמאַכען נאָך זיך די טיר און דאַן בלייבט עס אָפֿען פֿאַר אַלעמען (זאַפיר).

300) ביי ליעבע איז, ווי ביי אַ ליעד, שווער נור דריי זאַכען: דער אָנפֿאַנג, די פֿאָרטזעצונג און די ענדע (זאַפיר).

301) ליעבע מאַכט פֿונ'ם קליגסטען מאַנספּערזאָן אַ נאַר, און פֿון דאָס נאַרישסטע פֿרויענצימער — אַ קלוגע (זאַפיר).

302) ליעבע ביי מאַנספּערזאָנען האָט, ווי אַ מאַגנעט, די שטאַרקסטע אַנציהונגס־קראַפֿט נור דאַן, ווען זי איז פֿעראייניגט מיט אַ מעטאַל (זאַפיר).

303) די וואַהרע ליעבע בלייבט אימער די זעלבע, סיי מען פֿערשאַפֿט איהר אַלעס, סיי מען ענטזאַגט איהר אַלעס (געטהע).

304) אַ געליעבטע איז מילך, אַ כלה — פּוטער, אַ ווייב — קעז (בערנע).

305) ווער עס איז נישט פֿעהיג צו שטאַרבען פֿאַר זיין ליעבע, איז קיין קוש נישט ווערטה (קערנער).

306) ליעבע איז אַ קראַנקהייט, וועלכע מען קאָן לייכט אויסהיילען (גאָרקי).

307) ווער עס האָט איינמאָל געליעבט, קאָן נישט נאָך אַ מאָל ליעבען (פּושקין).

308) ווענינ ליעבט אַזעלכער, וועלכער איז אימשטאַנד צו ערקלערען זיין ליעבע (פּעטראַרקאַ).

309) דער מאַנספּערזאָן, וועלכער רעדט פֿערנונפֿטיג וועגען ליעבע, איז נאָך קיינמאָל נישט פֿערליעבט געווען (זשאָרזש זאַנד).

310) די פֿרויען ליעבען אימער דעם, וועלכער האַסט זיי, און האַסען דעם, וועלכער ליעבט זיי (סערוואַנטעס).

311) ליעבע, פייער און א הוסט קאן מען נישט בעהאלטען (א י ט א ל י ע נ י ש. ש פ ר י כ ו ו א ר ט).

312) גייסטעס-שענהייט רופט ארויס פערוואונדערונג, זעעלענ-שענהייט — אכטונג, קערפער-שענהייט — ליעבע (ז א פ י ר).

313) פארהאן פיעל פרויען, וועלכע האבען נישט קיין איינציגע ליעבע, נור ווענעג איז פארהאן אזעלכע, וועלכע האבען נור איין איינציגע ליעבע (ל א ר א ש פ ו ק א).

314) א מאנספערזאן בעווייזט זיין ליעבע נישט דאמיט, ווי אזוי ער רעדט וועגען איהר, נור דאמיט, ווי אזוי ער שווייגט וועגען איהר (ז א פ י ר).

315) ליעבע הייסט נור אזעלכע, וועלכע איז פעהיג אויף קרבנות (ט א ל ס ט א י).

316) אמאר (ג א ט פ ו ן ל י ע ב ע) בעזיעגט אלעס (ו ו י ר ג י ל י ו ס).

317) ליעבע מאכט אונז די געהארכזאמקייט אנגענעהם (ב ו א ס ט).

318) איפערזוכט ענטהאלט איין חלק ליעבע און ניין און ניינציג חלקים אייגענליעבע (ל א ר א ש פ ו ק א).

319 ליעבע פון אן אייפערזיכטיגען איז מעהר ענהליך צו האס (מ א ל י ע ר).

320) ליעבע זוכט רויזען, אייפערזוכט — דערנער.

היראַטה.

321) היראטה איז א קבר פאר די פרייהייט (ס ע ן ק ר י ז א ס ט א ם).

322 די בעציהונג פון א מאן צום ווייב איז, ווי די בעציהונג פון פילאזאפיע צו פאעזיע (ז א פ י ר).

323) צום גליק האבען די גרעסטע פילאזאפען געהאט העס-ליכע ווייבער, דען ווען זיי וואלטען געהאט שענע ווייבער, וואלטען זיי אן די פילאזאפיע פערגעסען (ג ל א ז ב ר ע נ ע ר).

324) א שענעם און צוגלייך אויך א געטרייעם ווייב איז אזא

זעלטענהייט, ווי א גוטע איבערזעצונג פון א פאעטישען ווערק אזא איבערזעצונג איז געוועהנליך נישט שען, ווען זי איז ריכטיג, און נישט ריכטיג, ווען זי איז שען (זאפיר).

325) דעם קויהלען־טרעגערס ווייב איז מיר ליעבער ווי א פירשטענס א געליעבטע (זשאן זשאק רוסא).

326) ליעבע אהן הייראטה איז פאר א פרויענצימער בעקוועמער, ווי הייראטה אהן ליעבע (לעפלער).

327) אויף די פראגע, ווען מען זאל הייראטהען? האט א קלוגער אמאל געענטפערט: „אין דער יוגענד איז צו פריה, אויף דער עלטער — צו שפעט" (בעקאן).

328) ווען דו ביסט צו גליקליך — הייראטהע (אלטעס שפריכווארט).

329) הייראטה איז ווי א בעלאגערטע פעסטונג; ווער עס איז פון דרויסען, וויל אריינגעהן, ווער עס איז אינוועניג, וויל זיך ארויסרייסען (אראביש. שפריכווארט).

330) אין ליעבע פערליערט מען דעם שכל, אין הייראטה בעמערקט מען דעם פערלוסט (זאפיר).

331) הייראטה איז אנ'אומגעקעהרטעס פיעבער, עס פאנגט זיך אן מיט היץ און ענדיגט זיך מיט קעלט (היפאקראטעס).

332) די שווערסטע מלחמה, וואס איך האב געפיהרט, איז געוועזן מיט מיין ווייב אלימפיא (פיליפ קעניג פון מוקדון).

333) ווען דו ווילסט עפעס טהון, פרעג אנ'עצה ביי דיין ווייב און טהו פערקעהרט (חארון אל ראשיד).

334) מחמד זאגט, אז ווייבער וועלען נישט קומען אין גן־עדן. ער איז געוועזן זיכער, דאס פון גן־עדן וואלט געווארען א גיהנם, ווען יעדער וואלט דארט געטראפען זיין ווייב (היינע).

335) הייראטה איז א לאטעריי, יעדער האפט אויפ'ן גרעסטען געווינס (בואסט).

336) הייראטהען צוליעב געלד איז נישט קיין הייראטה, נור א האנדעל (עווערעמאן).

337) די היינטיגע יונגע לייט בעטראכטען דאס הארץ פון א פרויליין, אלס א קארידאר, וועלכער פיהרט צו איהר פאטערס קאסע (זאפיר).

338) דער גליקליכסטער מאן איז געוועזען אדם הראשון, וויל ער האט נישט געהאט קיין שוויגער אוּן שוויגער (זאפיר).

339) אדם הראשון איז געווען דער גליקליכסטער מאן איבער די ביליגקייט פונ'ם דאמען-טואלעט, וועלכער איז געוואקסען אויף א פייגען-בוים (זאפיר).

340) האכצייטס-מוזיק דערמאהנט מיך אימער אן די מוזיק, וועלכע ווערט געשפיעלט פאר די סאלדאטען, וואס געהען אינ'ם שלאכט-פעלד (היינע).

341) הייראטהען נור צוליעב שענהייט הייסט קויפען א גוט צוליעב רויזען (קאצעבוע).

פרויען.

342) אלע פרויען זענען גוט, נור נישט ביי זיך אין דער היים (טאציטוס).

343) שטעלט נישט א פרוי צווישען פפליכט און טואלעט! (פיטהאגאראס).

344) ערווארטעט נישט קיין פריינדליכען עמפפאנג פון א פרוי וועלכע איז נישט צופריעדען פון איהר טואלעט (בואסט).

345) איהר געדענקט די געשיכטע פון חוה'ן? קוים ווערען פרויען בעוואוסטזיניג, הויבען זיי אן באלד קלערען וועגען א נייעם קלייד (היינע).

346) די פרוי, וועלכע האט א שפיגעל, שרעקט נישט די איינזאמקייט (סנא).

347) א מאנספערזאן קאן זאגען, דאס צוויימאל צוויי איז ניט פיער, נור פינף אדער דריי מיט א האלבס, א פרויען-צימער אבער וועט זאגען, דאס צוויימאל צוויי איז א סטעארינ-ליכט (טורגעניעוו).

348) קסאנטיפפא, סאקראטעסיעס פרוי, האט בעגאסען דעם מאן

מיט פּאָמיעס; אין דעם אָט דריקט זיך אויס די ריכטיגע בעציהונג פון אַ פרוי צו פילאָזאָפיע (קראַטשקאָווסקי).

349) די פרוי איז די אַקס, אַרום וועלכער עס בעוועגט זיך דאָס שלעכטע (זאָלאַ).

350) פרויען האָבען נור איין מיטעל צו מאַכען אונז גליקליך און דרייסיג טויזענד מיטלען צו מאַכען אונז אומגליקליך (היינע).

351) אַ שפּריטשטעלערין איז דאָפּעלט שולדיג: זי פערגרעסערט די צאָהל פון די ביכער און פערקלענערט די צאָהל פון די פרויען (אַלפאָנס קאַר).

352) ווען אַ פרוי שטעהט אין אַ שפּיץ פון אַ רעגירונג, מוז די רעגירונג אונטערגעהן (נאַפּאָלעאָן 1).

353) אַ געוועהנליכע פרוי האָט אַזוי פיעל פערשטאַנד, ווי פיעל איין הוהן, אַן'אונגעוועהנליכע — וויפיעל צוויי (קאָנפוציוס).

354) די שווערסטע זאַך פאַר אַ פרוי איז — וועלען געפעלען נור איינעם (אָווידיוס).

355) יעדע פרוי בעשטעהט פון דריי טיילען: פון אַ גוף, אַ נשמה און אַ קלייד (אוררי).

356) איהר מעגט זאָגען אַ פרוי, וואָס איהר ווילט: איהר מעגט זי זאָגאַר בעליידיגען אָדער גוט אויסזידלען — זי וועט איך אַלעס פערצייהען, נור קוים וועט איהר זאָגען, אַז זי איז נישט שען, וועט זי איך בלייבען אַן'איביגער שונא (פּאָל דע קאָק).

357) צווישען דעם „יאַ" און דעם „ניין" פון אַ פרוי איז נישטאָ קיין פּלאַץ אַפילו פאַר די קלענסטע נאָדעל (סערוואַנטעס).

358) די פרויען זענען זעהר לאַנג געוועזען פערשקלאַפט, דעריבער זענען זיי נישט פעהיג צו פריינדשאַפט, זיי קאָנען נור ליעבען (ניצשע).

359) די וועלט גלויבט נישט אין די גערעכטיגקייט פון אַ פרוי, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַן'אַנדער פרוי (שילער).

360) פאַר אַ פרויענצימער עקזיסטירט נישט די לאָגיק (באָדענשטעדט).

361) ווען אַ מאַנספּערזאָן דאַרף געהן צו אַ וויכטיגער פּערזאָן

פרעגט ער: וואס זאל איך רעדען?" א פרוי אבער פרעגט „וואס זאל איך אנטהון?" (מאדאם דע פואיסיע).

362) ליעבער איז מיר צופרעגען א אלטען מאן, ווען ער וועט שטארבען, ווי צופרעגען א פרויענצימער, ווען זי איז געבוירען געווארען (לאבריער).

363) מאנספערזאנען האבען נישט שטענדיג ליעב יענעם, וועמען זיי אכטען, פרויען אבער אכטען נור דעם, וועמען זיי ליעבען (דיובע).

364) ווען מאנספערזאנען קומען זיך צוזאמען, הערען זיי אוים איינער דעם צווייטען, ווען פרויענצימער קומען זיך צוזאמען, קוקען זיי אן איינע די צווייטע (חינעזיש. שפריכווארט).

365) א שענע פרוי איז, ווי א גוט אבגעשליפענעם גלעזעל, וועלכעם ווערט פערטונקעלט פונ'ם קלענסטען הויך (סערוואנטעס).

366) דער אלמעכטיגער גאט פון די פרויען איז די מאדע (אקסענשטירן).

367) די גרעסטע פיינד פון פרויען זענען די פרויען (דיקלא).

368) פרויען בעטראכטען די מענער אלס קריעגס-געפאנגענע, דארום זענען זיי זעהר צופריעדען זיי אומצוטוישען (זאפיר).

369) וואס פערשאפט דער פרוי מעהר פערגעניגען: צו זעהן א שענעם מאנספערזאן אדער א העסליבע פרוי? (זאפיר).

370) דער שפיעגעל איז דאס געוויסען פון די פרויען, זיי טהוען קיין זאך, נישט אנפרעגענדיג זיך דאס דאזיגע געוויסען (זאפיר).

371) דער גרעסטער שונא פון פרויען איז דער קאלענדאר (זאפיר).

372) מאנספערזאנען שלאפען וועניגער ווי פרויען, ווייל זיי קלערען איבער וועגען דעם אונגליק, וואס אדם הראשון האט געהאט אין שלאף (זאפיר).

373) מאנספערזאנען מאכען אונגליקליך אוים האס, פרויען — אוים ליעבע (זאפיר).

374) ווער עס ענטדעקט זיין געהיימניס א פרוי, גיבט אריין זיין ווייַן אין אַ זופּ (אַראַבּיש. שפּריכוואָרט).

375) דער נאַטור איז געפעלען געוואָרען אַזוי איינצוריכטען, דאָס עס איז גלייך שווער זיך צו בּעגעהן אָהן פרויען, ווי מיט פרויען (מעטעלוס).

376) אַ פרוי איז ווי אַ שאָטען: געהסט איהר איהר נאָך, ענטלויפט זי פון אייך, געהסט איהר פון איהר אַוועק, לויפט זי אייך נאָך (אַלפרעד מיסע).

377) די פרוי, וועלכע וויל נישט אייך געפעלען, פעראַכטעט אייך (בּואַסט).

378) אַ פרוי איז שוין גענוג קלוג, ווען זי קאָן אונטערשיידען צווישען דעם מאַנס העמדעל און לייבּעל (נאַפּאָלעאָן).

379) די מעהרהייט פרויען זענען, ווי בעהאַלטענע אוצרות, וועלכע געפינען זיך אין זיכערהייט נור דעריבער, ווייל מען זוכט זיי נישט (לאַראָשפוקאָ).

380) לייכטזיננינקייט איז שטענדינ די פריינדין פון שענע פרויען (פראָפּערציוס).

381) אַ פרוי איז דאָס מייסטערווערק פון דער נאַטור (לעסינג).

382) אומגאַנג מיט פרויען איז די שולע פון גוטע זיטען (געטהע).

383) אַ טויט און אַ פרויענצימער מיידט נישט (גאָרקי).

384) אַ פרויענצימער איז נישט אַ צוועק, זי איז נור אַ מיטעל צו ערדייכען העכערע צוועקען (אַנדריעוו).

385) מיט פייער פרובט מען גאָלד, מיט גאָלד — אַ פרוי, און מיט אַ פרוי — אַ מאַנספּערזאָן (סענעקאַ).

386) מאַנספּערזאָנען מאַכען געזעצען, פרויען — זיטען (פראַנצויזיש. שפּריכוואָרט).

387) פאַר אַ פרוי איז נישטאָ קיין אונמעגליכעס (ניטשע).

388) פאַרהאַן געוויסע זאַכען, וואו איין פרויענצימער זעהט בּעסער, אַלס הונדערט מאַנספּערזאָנען (לעסינג).

389) נור דעריעניגער פערדיענט געפעלינקייט פון פרויען, וועלכער ווייס זיי שטאַרק צו שעצען (געטהע).

390) אַנבלאָזען ברוגז׳דיג די ליפּען איז די פּרויען־אַרטילעריע און דער מאַנספּערזאָן, וועלכער ווערט דאַמיט בעשאָסען, מוז באַלד קאַפּיטוליערען און אַרויסשטעלען אַ ווייסע פאָהן (בענצעל־שטערנאַו).

391) די אונשולד פון מאַנספּערזאָנען איז זייער עהרע, די עהרע פון פּרויען — זייערע אונשולד (עשענבאַך).

392) מאַנספּערזאָנען זענען איבערצייגט אין דער שוואַכקייט פון פּרויען און דאָך זענען זיי גערן זייערע שקלאַווען.

393) מאַנספּערזאָנען רעדען וועגען פּרויען אַלץ, וואָס עס גלוסט זיי, פּרויען מאַכען פון די מאַנספּערזאָנען אַלץ, וואָס עס געפעלט זיי (סעגיור).

394) דער מאַנגעל אין שענהייט העלפט אימער דער פרוי צו ענטוויקלען איהרע גרויסע פעהיגקייטען (לאַראָשפוקאָ).

395) אַ פּרויענצימער ווערט דאָס, וואָס דער מאַן מאַכט פון איהר (ענגליש. שפּריכוואָרט).

396) דער בעסטער זיג פון אַ פּרויענצימער איז זיך נישט לאָזען בעזיגען (קאַלדעראָן).

397) פאַרהאַן מאַנספּערזאָנען, וועלכע קאָנען מעהר רעדען, אַלס פּרויען, קיין מאַנספּערזאָן אָבער בעזיצט נישט די איבער־צייגונגס־קראַפט פון פּרויען־אויגען (וועבער).

398) דאָס שטאַרקייט פון פּרויען איז אין זייער שוואַכקייט (בואַסט).

399) אַ מאַנספּערזאָן קאָן פערנאַכלעסיגען די עפענטליכע מיינונג, אַ פּרויענצימער אָבער מוז זיך מיט איהר רעכענען (מאַד. דע סטאַל).

400) פאָדערט פון פּרויען קיין עהרליכקייט, כל זמן איהר ערציהט זיי אין דער מיינונג, דאָס דיזער הויפּט־צוועק פון זייער לעבען איז — געפעלען (עשענבאַך).

401) די נאַטור האָט געגעבען דעם אָקס הערנער, דעם פערד־קאָפּיטעס, דעם האָז־פלינקייט אין די פיס, דעם לייב־צייהנער, דעם מאַנספּערזאָן — פערשטאַנד, דער פרוי אָבער — שענהייט (אַנאַקרעאָן).

402) ניטשע רעכענט אוים דריי טיפען פרויען: א טיפ פון א קאץ, א טיפ פון א פויגעל און א טיפ פון א קוה, מען דארף אבער, אום גערעכט צו זיין געגען די פרוי, צוגעבען נאך איין טיפ—דעם טיפ פון אנ'ענגעל (קראטשקאווסקי).

403) א פרוי דארף זיין א געבילדעטע, אבער נישט קיין געלעהרטע (בואסט).

404) פרויען זענען נור פאלש אין די לענדער, וואו די מענער זענען טיראנען (בערנארדען דע סען פיער).

405) דער מעכטיגסטער פון אלע הערשער איז די פרוי (איבסען).

וויסענשאפט.

1) וויסענשאפט איז פאר איינעם די הויכע הימלישע געטין, פאר אנאנדערן אבער — א קוה, וואס פערזארגט מיט גוטע פוטער (שילער).

2) די דעספאטען האבען ניט ליעב די וויסענשאפט, אזוי ווי גנבים האבען נישט ליעב קיין לאמטערן (וועבער).

3) ווען א געבילדעטער מענש פערלירט אויף דער עלטער זיין אכטונג צו דער וויסענשאפט, איז עס נאר דערפאר, ווייל ער האט איהר און זיך צו גרויסע פאדערונגען געשטעלט (געטהע).

4) אויך אין דער וויסענשאפט איז נאך ווייניג וויסען, מען דארף אימער טהון (געטהע).

5) די וויסענשאפט אין אלגעמיין דערווייטערט זיך פונ'ם לעבען און קעהרט נאר דורך א ווייטיגען וועג צום לעבען צוריק (געטהע).

6) די אויפגאבע פון דער וויסענשאפט איז — פאר מענשען ניצליך צו זיין (טאלסטאי).

7) ליעבער זענען מיר זיך מודה אין אונזערע מאראלישע חסרונות, ווי אין אונזערע וויסענשאפטליכע (געטהע).

8) נישט ווייניג דארפען מיר צו וויסען, אום צו קאנען בעהאלטען פאר אנדערע אונזער אונוויסענהייט (עשענבאך).

9) די טעאריע און די פראקטיק בילדען איין גאנצעס, ווי די נשמה מיט דעם גוף, און זענען אזוי ווי די נשמה מיט דעם גוף קיינמאל נישט איינשטימיג צווישען זיך (עשענבאך).

10) וואס מען פערשטעהט נישט, בעזיצט מען נישט (געטהע).

11) דאס, וואס מיר וויסען, איז בעגרענעצט, אבער דאס, וואס מיר וויסען נישט, איז גרענצענלאז (לעסאזש).

12) מען ווייסט נאר דאן, ווען מען ווייסט וועניג (געטהע).

13) מיט דעם וויסען, וואקסט דער צווייפעל (געטהע).

14) וויסענשאפט איז מאכט (בעקאן).

15) אין דער מאטעמאטיק איז ניט פארהאן בעזונדערע רעגעלן פאר א קייזער (אריסטא).

16) דאס וויסען פערניכטעט די טעטיגקייט, דעריבער אום עטוואס צו טהון, מוז מען זיין פערבלענדעט מיט א פאנטאזיע (ניצשע).

17) נישט פיעלע וויסען וויפיעל מען דארף וויסען, אום צו וויסען, ווי וועניג מיר וויסען. אין דער וויסענשאפט ווערט דאס געפונענע אפט ווידער פערשארט (געטהע).

18) אום צו וויסען, דאס דער הימעל איז איבעראל בלוי, דארף מען נישט ארומפאהרען די גאנצע וועלט (געטע).

19) דער בוים פון וויסענשאפט איז נישט דער בוים פון לעבען (לארד בייראן).

20) בעסער איז גארנישט צו וויסען, איידער פיעלעס האלב צו וויסען (ניצשע).

21) ווען קאלאמבוס וואלט געקאנט בעסער קאסמאגראפיע, וואלט ער נישט ענטדעקט אמעריקא (וויקטאר הוגא).

22) וויסענשאפט איז א תהום, וועלכער איז טיעפער אלס דער אקעאן (מאנטעסקע).

23) וויסענשאפט פיהרט צו פאעזיע (ספענסער).

24) וויסענשאפטען זענען שלעסער, שליסלען צו זיי — פראגען (האמאדאני).

25) איך בעזיץ נאר איין קליינע וויסענשאפט — די וויסענשאפט פון דער ליעבע (סאקראטעס).

געלעהרזאמקייט, לערנען.

26) די טינט פון די געלעהרטע ווערט געאכטעט ביי גאָט גלייך מיט דעם בלוט פון די קדושים (מחמד).

27) מאנכע געלעהרטע זענען ווי די באנק־קאסירער, וועלכע האָבען שליסלען צו די גרויסע סומען, וועלכע געהערען נישט צו זיי (בערנע).

28) א געלעהרטער נאַר איז אימער נאַרישער אלס דער אונגעלעהרטער (סוּאַר).

29) ליעבער איז מיר דער, וועלכער איז בעסער געלעהרט, אלס דער, וועלכער איז מעהר געלעהרט (מאָנטען).

30) א געלעהרטער אָהן טאַלאַנט איז ווי יענער מוללא, וועלכער, אויפעסענדיג שטיקער קאָראַן, האָט זיך איינגעבילדעט צו ווערען א צווייטער מחמד (פושקין).

31) געלעהרזאַמקייט אין קעפ און פראַנצויזישער ווייַן אין פלעשער, ווערען קאַליע, אויב זיי זענען נישט פול ביז דעם קאָרק (זשאַן פאָל).

32) לערנט, אַזוי ווי איהר וואָלט געדאַרפט לעבען אייביג, לעבט, אַזוי ווי איהר וואָלט געדאַרפט מאָרגען שטאַרבען (דע־אינסוליס).

33) די געזעלשאַפט וויל ליעבער, דאָס מען זאָל זי פערגאַניטערעסירען, איידער מען זאָל זי לערנען (קניגע).

34) לערנענדיג אַנדערע, לערנען מיר זעלבסט (סענעקאַ).

35) לעב פיר דאָס לערנען, לערן פיר דאָס לעבען. אַנ־עדרלכער לעהרער איז אויך גלייכצייטיג אַן אויפמערקזאַמער שי־לער (גאָרקי).

36) אונזער לעהרער הייסט נאָר דער, ביי וועלכען מיר לער־נען אימער (געטהע).

37) לאַנג איז דער וועג פון לעהרע, קורץ — דער וועג פון ביישפיעלען (סענעקאַ).

38) דעם יעניגען, וועלכער וויל עפעס ערלערנען, שטערט אָפט דער אויטאָריטעט פון די לעהרער (ציצעראָ).

39) איך וויל ניט וויסען, צי עס זענען געוועזען מענשען פֿאַר מיר (דעקאַרט).

ביכער, לעזער.

40) אַ גוטעס בוך איז אַ מתנה, וועלכע דער פֿערפֿאַסער שענקט דער מענשהייט (עדיסאָן).

41) אויב אַ מענש קאָן אַמאָל ווערען אַ גאָט, איז זיין טראָהן אַ בוך (אַנדרייעוו).

42) דאָס בוך איז דאָס לעבען פֿון אונזער צייט (ביעלינסקי).

43) קיין בוך איז נישט אַזוי שלעכט, דאָס מען זאָל דערפֿון נישט קאָנען עטוואָס לערנען (פּליניוס).

44) איך האָב אָנגעהויבען צו פֿערשטעהן, דאָס ביכער קאָנען מיך נאָר מאַכען פֿאַר אַ געלעהרטען, אָבער נישט פֿאַר אַ מענשען (לעסינג).

45) היט מיך גאָט פֿון דעם, וועלכער לעזט נאָר איין בוך (היהרינגספֿעלד).

46) עס איז מעגליך, דאָס ביכער מאַכען נישט דעם מענשען גוט אָדער שלעכט, נאָר בעסער אָדער ערגער מאַכען זיי איהם געוויס (זשאַן פּאָל).

47) ביכער לערנען אונז אַלעס, נאָר נישט ווי אַזוי זיי צו בענוצען (בעקאָן).

48) ביכער ווערען געשריבען דורך ביכער (בואַסט).

49) דאָס לעזען גוטע ביכער ענטדעקט אונז די געדאַנקען, וועלכע זענען פֿערבאָרגען אין אונזער אייגענעם גייסט (פּיערמאָן).

50) ווען אַ בוך קאָן זיך זעלבסט ניט פֿערטיידיגען, איז עס גאַנץ אומנוצליך, דאָס דער פֿערפֿאַסער זאָל עס אין דער פֿאָררעדע פֿערטיידיגען (לאָק).

51) מיט ביכער דאַרף מען אומגעהן, ווי מיט פריינד; מען דאַרף זיך אויסקלייבען איינינע און זיך נישט קימערען וועגען די איבעריגע (וואָלטער).

52) פאַרדאַן נישט וועניג מענשען, וועלכע בעטראַכטען ביכער, אַלס מעבעל, צו פערפוצען זייערע וואָהנונגען. — נישט וועניג מענשען זענען פאַרדאַן, וועלכע לעזען ביכער נאָר צוליעב דעם, אום זיך צו בעפרייען פונים זעלבסשטענדיגען דענקען (ליכטענבערג).

53) עס איז קוים גענוג אַ האַלב לעבען, אום צו פערפאַסען אַ גוט בוך, און די אַנדערע העלפט — אום עס אויסצובעסערען (זשאַן־זשאַק רוסאָ).

54) עס איז נאָך וועניג, איינשלינגען פיעל ביכער, מען דאַרף אויך גוט צוקייען און פערדייען (מאַקאָלעי).

55) פאַרצייטענס האָט דער מאַנגעל אין ביכער געשטערט דעם ערפאָלג פון דער וויסענשאַפט, היינט ווידער שטערט דער איבערפלוס אין ביכער, דעם זעלבסטשטענדיגען דענקען (וועבער).

56) די נאַטור האָט זיך בעמיהט, דאָס די מענשליכע דומהייטען זאָלען ניט לאַנג עקזיסטירען, די ביכער אָבער מאַכען זיי אונשטערבליך (מאָנטעסקע).

57) ביכער דאַרפען אויך האָבען מזל (טערענציאַנוס).

58) מיט אַ קליין פייערל קאָן מען אָנצינדען טויזענד לאָמפען; עס איז אָבער נויטיג, דאָס יעדע פון זיי זאָל נעהרען דעם פלאַם מיט איהר אייגענעם ברען־מאַטעריאַל (אויערבאַך).

59) איבערזעצונגען זענען בלומען אונטער אַ גלאָז (מענאַעל).

60) דעם עזעל, וועלכער איז אָנגעלאָדען מיט ביכער, קאָן מען נישט רופען געלעהרטער (העניש שפּריכוואָרט).

61) כל זמן מען קאָן לעזען, קאָן מען זיך ניט האַלטען פאַר גאַנץ אונגליקליך (בואַסט).

62) דאָס, וואָס ס'איז נישט ווערט צו לעזען מעהר ווי איין מאָל, דאַרף מען איין מאָל אויך נישט לעזען (וועבער).

63) אונרייפֿע ביכער זענען געפֿערליכער אַלס אומצייטיגע קאַרטאָפֿעל (יאַהן).

64) פֿון אַלעם געשריבענעם ליעב איך נאָר דאָס, וואָס איינער שרייבט מיט זיין בלוט (ניצשע).

65) איך קען זעהר וועניג מענשען, וועלכע קאָנען לעזען (מולטאַטולי).

66) אַלע קענען אויסעגוועניג לאַפֿאָנטענ'ס פֿאַבעלן, דאָך האָבען זיי נאָך קיינעם נישט אויסגעבעסערט (פּאָל דע קאָק).

שריפֿטשטעלער.

67) דער ציעל פֿון יעדען שריפֿטשטעלער איז בעלעהרען אָדער געפֿעלען, אָפֿט אויך ביידעס צוזאַמען (קאָנדיליאַק).

68) די אַלטע שריפֿטשטעלער זענען אויך אַמאָל געווען ניי, צי וועלען די נייע אויך ווערען אַלט? (פֿיערמאָן).

69) קיין פֿערפֿאַסער איז נישט אויף אַזוי פֿיעל קלוג, אום צו פֿערשטעהן דאָס נאַרישקייט פֿון זיינע לעזער (מולטאַטולי).

70) אום צו ווערען אונשטערבליך, מוזען אונזערע שריפֿטשטעלער פֿריהער שטאַרבען פֿאַר הונגער (זאַפֿיר).

71) מיר האָבען ליעב דעם שריפֿטשטעלער, אַזוי ווי קעז, דאָס הייסט, ער געפֿעלט אונז, ווען די ווערים עסען איהם (זאַפֿיר).

72) מאַנכער פֿערפֿאַסער זאָגענדיג „מיין בוך“ איז ווי דער רייכער בורזשוי, וועלכער זאָגט „מיין הויז“, ווערענד אין אמת'ן דאַרף ער זאָגען „אונזער הויז“ (פּאַסקאַל).

73) ווער עס וויל נישט, דאָס מען זאָל איהם פֿערשטעהן, דעם דאַרף מען אויך נישט לעזען (לאַט. שפּריכוואָרט).

74) דער אָנפֿאַנג פֿונ'ם גוטען שרייבען איז גרינדליך פֿערשטעהן די זאַך, וועגען וועלכער מען שרייבט (האָראַציוס).

75) אום צו שרייבען היטליך, דאַרף דער פֿערפֿאַסער זיך שטעלען אויפֿ'ן אָרט פֿונ'ם לעזער (לאַבריער).

ליטעראַטור, קריטיק.

76) ווען אַנ׳אונגליק נעהמט בײַ אונז אַב דאָס פאָטערלאַנד, געפינען מיר עס אין דער ליטעראַטור (בוּאַסט).

77) מען מעסט אַ פאָלק נאָך זײַן ליטעראַטור (ווי:קטאָר הוגאָ).

78) ליטעראַטור ווערט פערדאָרבען אויף אַזוי פיעל ווי פיעל די מענשען ווערען פערדאָרבענער (געטהע).

79) יעדעס יאָהרהונדערט, בעקומענדיג נײַע אידעען, בעקומט עס אויך נײַע אויגען און זעהט פיעל נײַעס אין די אַלטע גײַסטעס־ווערק (הײַנע).

80) ליטעראַטור איז דער שפּיגעל פון דער געזעלשאַפט (מאַד. דע סטאַל).

81) ענטציקט ווערען פון די געשטאָרבענע, איז אַ סאַטירע אויף די לעבעדיגע (בוּאַסט).

82) ליטעראַטור און ציוויליזאַציע זענען סינאָנימען (וויקטאָר הוגאָ).

83) דאָס וואָס מען שרײַבט אָהן חשק, קומט אַרויס אָהן טעם (וואָלטער).

84) פיעלע לעגענדען זענען געשאַנקען פון ליוערס פון איין יאָהר־הונדערט פאַר נאַראָנים פון אַנדערע יאָהר־הונדערטער (באָלינג בראָק).

85) ווען די העלדען געהען אַראָב פון דער סצענע, געהען אַרויף די קלאָונען (הײַנע).

86) ווען די נאַכטיגאַלען הערען אויף צו זינגען, פאַנגען די גרילען אָן צו גרילצען (עשענבאַך).

87) דער פאַקעל פון קריטיק דאַרף בעלויכטען, נישט פערברענען (פאַוואַר).

88) פאַרטײַ־גײַסט פערוואַנדעלט אָפט קריטיק אין זידלערײַ (בוּאַסט).

89) קריטיקירען איז לייכטער, אלס פערפאסען (העטוש).

90) בוכשטאבען ווערען נישט רויט (ציצערא).

91) זשורנאליסטיק — די מאכט פון אונזער צייט (ווינע).

92) זשורנאליסטען, וועלכע אורטיילען וועגען א גרויסען שריפט-שטעלער, זענען ווי ליליפוטען, וועלכע מעסטען פיראמידען (בואסט).

בערעדזאמקייט.

93) בערעדזאמקייט איז דער וועלט-הערשער (מאנטעסקע).

94) בערעדזאמקייט איז א גארטען, אין וועלכען עס איז פאראן מעהר בלומען, אלס פרוכטען (העקורסעל).

95) מען קאן נישט רידהרען, ווען מען איז זעלבסט נישט גערידהרט, מאן קאן נישט איבערציינגען, ווען מען איז זעלבסט נישט איבערציינגט (דאלאמבער).

96) ווער עס וויל זיין א גוטער רעדנער, מוז אויך זיין א גוטער צוהערער (גארווע).

97) ווער עס קאן נישט שווייגען, קאן אויך נישט רעדען (סענעקא).

98) רעדען איז זילבער, שווייגען איז גאלד. מיר הערען אפט נישט דעם, וועלכער רעדט קליגער פאר אנדערע, נאר דעם, וועלכער רעדט העכער (שעקספיר).

99) בעווייזע דארף מען נישט צעהלען, נאר וועגען (ציצערא).

100) ביישפיעלען הינקען (לאטייניש שפריכווארט).

ווארט.

101) א ווארט איז נאר א ווייטער און שוואכער אויסדריקער פונ'ם געדאנק (פלאבער).

102) עס איז נישטאָ קיין וואָרט, וועלכעס מען זאָל שוין פֿריִער נישט האָבען געזאָגט (טערענציוס).

103) יעדעס אויסגעשפּראָכענע וואָרט רופֿט אַרויס אַ געגענזאַץ (געטהע).

104) אַ וואָרט איז אַ געפֿעהרליכע זאַך (ניצשע).

105) אַ וואָרט געהערט האַלב צו דעם, וועלכער זאָגט עס און האַלב צו דעם, וועלכער הערט עס (מאָנטען).

106) נאָר די שטילסטע ווערטער מאַכען דעם גרעסטען שטורם (ניצשע).

107) דאָס שפּרעכען איז אַן אַנגענעהמע שטיפֿעריי; דאַמיט טאַנצט דער מענש איבער אַלע זאַכען (ניצשע).

108) ליעבער ערלויבען מיר צו בינדען אונז הענד און פֿיס, אַלס די צונג (בואַסט).

109) יעדער מענש איז דער בעסטער ערקלערער פֿון זיינע אייגענע ווערטער (לאַט. שפּריכוואָרט).

110) דעם מענשען איז געגעבען געוואָרען די שפּראַך, צו בעהאַלטען זיינע געדאַנקען (טאַלעריאַן).

פּאעזיע.

111) פּאָעזיע — מוזיק פֿון דער זעעלע (וואָלטער).

112) ווער עס הערט נישט די שטימע פֿון פּאָעזיע, איז אַ באַרבאַר, ער מעג זיין, ווער ער איז (געטע).

113) ציעל שאַפֿט דער פּאָעזיע (ביעלינסקי).

114) אונגליקליך איז דאָס לאַנד, וואו מען זינגט נישט מעהר (זיימע).

115) דער אַבערגלויבען איז די פּאָעזיע פֿונ'ם לעבען, דעריבער שאַדט נישט דעם פּאָעט צו זיין אַבערגלויביש (געטע).

116) פֿויגעל זינגען נישט אין קעלערס (טאָראָ).

117) דאָס גוטע און דאָס שענע ווערט קיינמאָל נישט פערגעסען, נאָר עס לעבט אייביג אין לעגענדען און לידער (אַנדערסען).

118) דער פּאָעט זעהט וואַכענדיג דאָס, וואָס אַן אַנדערער זעהט נאָר אין טרוים (שאָפּענהויער).

119) פּאָעטען קאָן מען נישט איבערזעצען (וואָלטער).

120) די פעלקער הויבען אָן פון פּאָעזיע און ענדיגען מיט ראָמאַנען (שאַטאָבריאַן).

121) די גרעסטע וועלטס-פּאָעטען זענען געקומען נאָך די גרויסע פאָלקס-געשעהענישען (וו. הוגאָ).

122) דער פּאָעט איז ווי דער גרויסער פויגעל אַלבאַטראָס, וועלכער ליעבט דעם שטורם און לאַכט אויס דעם שיסער; נאָר ווען ער ווערט אַמאָל פערבלאָנדזשעט אויף דער ערד, שטערען איהם זיינע גרויסע פליגלען צו געהן (באָדלער).

123) עס איז נישטאָ קיין געמיינערע זאַך אויף דער וועלט, ווי מיטעלמעסיגע לידער (וואָלטער).

124) בעגייסטערונג איז נישט קיין הערינג, וועלכע מען קאָן איינפּעקלען אויף עטליכע יאָהר (געטע).

125) מען קאָן נאָר פערקויפען אַ מאַנוסקריפּט, אָבער נישט בעגייסטערונג (פּושקין).

126) מען לויבט דעם דראַמאַטישען דיכטער, דאָס ער קאָן אַרויסרופען טרעהרען ביים פּובליקום; דעמזעלבען טאַלענט אָבער האָט אויך די מינדעסטע ציבעלע (היינע).

127) ווער עס וויל דעם דיכטער פערשטעהן, מוז אין דעם דיכטער'ס לאַנד געהן (געטהע).

קונסט.

128) דאָס גרויסע, דאָס ריכטיגע, דאָס שענע אין דער קונסט איז דאָס איינפאַכע (זשאָרזש זאַנד).

129) די קונסט איז איינפערזיכטיג; זי פאָדערט, דאָס דער מענש זאָל זיך איהר איבערגעבען אינגאַנצען (מיקעלאַנדזשעלאָ).

130) די קונסט איז די רעכטע האַנד פון דער נאַטור; די נאַטור האָט אַרויסגעגעבען בעשעפעניסען, די קונסט אָבער האָט פון זיי געמאַכט מענשען (שילער).

131) די וואַהרע קונסט איז די, וועלכע אַלע פערשטעהען (טאָלסטאָי).

132) ווען ראַפאַעל וואָלט געבוירען געוואָרען אָהן הענד, וואָלט ער דאָך נישט אויפגעהערט צו זיין דער גרעסטער מאַלער (לעסינג).

133) אין די לענדער, וואו די קונסט האָט געבליהט, זענען אויך שטענדיג געווען די שענסטע מענשען (ווינקעלמאַן).

134) פונים לעבען האָבען מיר אַלעס שלעכטע, פון דער קונסט — נאָר דאָס גליק (סענקעוויטש).

135) די אויפגאַבע פונים קינסטלער איז די מענשען צוריק צו מאַכען פאַר קינדער (ניצשע).

136) אין דער קונסט איז פיעל לייכטער צו שילדערן דאָס גרויסע און דאָס שרעקליכע, ווי דאָס קליינע און דאָס לעכערליכע (געטע).

137) דער קינסטלער איז דאָס קינד, פון וועלכען די לעגענדע דערצעהלט אונז, דאָס ביי איהם פערוואַנדעלט זיך יעדע טרעהר אין אַ דימענט. די בייזע שטיפמוטער — דאָס לעבען, שלאָגט דאָס דאָזיגע קינד אונערבאַרעמליך, אום עס זאָל אויסוויינען, וואָס מעהר דימענטען (היינע).

138) מען דאַרף מאָלען די נאַטור נישט אַזוי ווי זי איז, נאָר אַזוי, ווי זי דאַרף צו זיין (ראַפאַעל).

139) דאָס שפּריכוואָרט „כל התחלות קשות" בעציהט זיך נאָר צום אַלטעגליכען לעבען; אין דער קונסט אָבער איז די ענדע פיעל שווערער, אַלס דער אָנפאַנג (עשענבאַך).

140) מען קאָן נישט בעשטימען קיין גרענעצען אין דער קונסט (באַרטעלעמי).

141) די רעגעלען פון דער קונסט זענען נאָר פאַר די מיטעל־מעסיגע טאַלאַנטען און נישט פאַר דעם זשעניע (בואַסט).

142) דאָס, וואָס דער קינסטלער נעהמט ביי אַנדערע, דאַרף אין איהם אויפסנייע געבוירען ווערען (אויגוסט ווילהעלם פאָן שלעגעל).

143) אַלע אַרטען קינסט זענען גוט, אויסער דער לאַנגוויילינער (וואָלטער).

144) די וואַהרע קונסט בעשטעהט דאַרין, מען זאָל זי נישט אַרויסווייזען (עסטעטישער גרונדזאַץ).

145) די וויסענשאַפט פיהרט דעם קינסטלער, אָבער זי בעשאַפט איהם נישט (וואָלטער).

146) אין דער קונסט איז דאָס בעסטע גענוג גוט (געטע).

147) זאָג מיר, וואָס דו האָסט ליעב, וועל איך דיר זאָגען, ווער דו ביסט (הושאָן רעסקין).

148) איבער געשמאַק־זאַכען קאָן מען נישט דיספוטירען (לאַטייניש שפּריכוואָרט).

149) מאַלעריי איז שטומע פּאָעזיע, פּאָעזיע — רעדענדיגע מאַלעריי (סימאָנידעס).

מוזיק, טעאַטר.

150) דאָס, וואָס מען קאָן נישט איבערגעבען אין ווערטער, דריקט זיך אויס אין מוזיק (וו. הוגאָ).

151) די מוזיק איז דאָס לעצטע וואָרט פון דער קונסט, אַזוי ווי דער טויט איז דאָס לעצטע וואָרט פונ׳ם לעבען (הייגע).

152) אויב עס איז פאַראַן עטוואָס איבערדישעס אויף דער ערד, איז עס די מוזיק (קראַשעווסקי).

153) מוזיק איז דאָס געוויין פון דער מענשהייט איבער די נדחות בבל פון זיין שיקזאַל (קראַשעווסקי).

154) וואָס עלטער אַ געוויסע מוזיק איז, בעסער ווירקט זיא (געטע).

155) מוזיק איז דער שליסעל פון אַ פרויען-האַרץ (זיימע).

156) מוזיק איז די אַלגעמיינע וועלט-שפּראַך; אויף איהר רעדט איין גייסט צום אַנדערען (אויערבאַך).

157) וואו עס ענדיגט זיך די שפּראַך, פאַנגט זיך אָן די מוזיק (פּיערמאָן).

158) וואָס זעהט מען אין טעאַטער? — דאָס זעלבע, וואָס מען זעהט דורכ'ן פענסטער (געטע).

159) אויף אַלע מצבים איז דאָס פּובליקום מקנא די אַקטיאָ-רען, און די אַקטיאָרען — דאָס פּובליקום (בואַסט).

160) די גרעסטע אַקטיאָרען געפינען זיך נישט אינ'ם טעאַטער. פאַר אַ גוטען אַקטיאָר איז נישטאָ קיין שלעכטע פּיעסע (שילער).

161) דאָס טעאַטער איז פיר פּאָעטען נישט גינסטיג (היינע).

162) דאָס טעאַטער ווייזט אונז דאָס שלעכטע און אָנשטאָט עס צו פערניכטען, פיהרט עס אונז זעלבסט דאַצו (בואַסט).

163) די אַקטיאָרען שפּיעלען אימער בעסער אין אַ שלעכטע פּיעסע, ווי אין אַ גוטער (טיעק).

זשעניע.

164) אַ זשעני מעג אַמאָל נישט וויסען טויזענדער זאַכען, וועלכע עס ווייסט יעדער גימנאַזיסט (לעסינג).

165) דער זשעני ענטדעקט דעם וועג, דער טאַלאַנט — געהט אויף איהם (עשענבאַך).

166) די פעהיגקייטען האָבען מיר פון דער נאַטור, דעם ער-פאָלג — פונ'ם גליק (לאַראָשפוקאָ).

167) טאַלאַנט הייסט — גלויבען אין זיך זעלבסט (גאָרקי).

168) מאַנכע זענען גרויס אין דעם, וואָס זיי שאַפֿען, אַנדערע — אין דעם, וואָס זיי צושטערען (גרים).

169) איך צייכען זיך אויס פֿון אַלע אַנדערע מענשען דערמיט, דאָס איך האָב מעהר געדולד פֿון זיי (ניוטאָן).

170) אַן אָדלער חאַפּט נישט קיין פֿליגען (לאַטייניש שפּריכוואָרט).

171) זשעניע האָט קיין געשלעכט (מאַדע סטאַל).

172) דורך געדולד ווערט מען אַ זשעניע (ביופֿאָן).

וואַרהייט, אירטהום.

173) ליעבער איז מיר אַ שעדליכע וואַהרהייט, ווי אַ נוצליכער אירטהום (געטע).

174) דאָס ערשטע און דאָס לעצטע, וואָס מען פֿאָדערט פֿון אַ זשעני איז — ליעבע צו וואַהרהייט (געטע).

175) פֿון צוויי האַלבע וואַהרהייטען קאָן קיין גאַנצע נישט אַרויסקומען (מולטאַטולי).

176) די וואַהרהייט איז אַ פֿאַקעל, אָבער אַן אונגעהויערע. דעריבער האַלטען מיר זיך פֿון דערווייטען, אום מיר זאָלען זיך נישט אָפּבריהען (געטע).

177) הונדערט יאָהר דאַרף דויערען ביז אַ וואַהרהייט ווערט פֿערשטאַנען, דאַן נאָך הונדערט יאָהר, ביז זי ווערט דורכגעפֿיהרט אין לעבען (זשאַן פּאָל).

178) טויזענד וועגען און גוטע פֿיהרען צום אירטהום, איין וועג און אַ געפֿעהרליכער — צו דער וואַהרהייט (רוסאָ).

179) ווער ס׳פֿערשטעהט גוט, וואו ס׳איז דער אָנפֿאַנג און וואו די ענדע, דער שטעהט נאָהענט צו דער וואַהרהייט (קאָנ־פֿוציוס).

180) די וואַהרהייט וואָהנט זעלטען דאָרט, וואו מען בויט איהר טעמפּלען און מען בעשטימט איהר כהנים (ניצשע).

181) דאָס ליכט פון דער וואַרהייט ברענט אָב, אַריינדרינגענדיג אין די מאַסען, ביי איינעם די שפיץ־באָרד, ביי אַנאַנדערען די באָלע פונ'ם קלייד (ליכטענבערג).

182) אַ וואַרהייט ווייזט אַרויס איהר לעבען דערמיט, דאָס זי קאָן זיך ענדערען, אָבער זי ענדערט זיך נאָר ווי אַ בוים און ניט ווי אַ וואָלקען (רעסקין).

183) יעדע וואַרהייט ווערט אַ ליגען, ווען מען פאָרמולירט זי (אַלפאָנס דאָדע).

184) די וואַרהייט איז קיינמאָל נישט אויף דער זייט פון דער מעהרהייט (איבסען).

185) די גרעסטע וואַרהייטען זענען געוועהנליך די איינפאַכסטע (מאַלערב).

186) אַנ'איבערמעסיגע ליבע צו וואַרהייט איז נישט ווייניגער געפעהרליך פון אַלע אַנדערע ליבעס (לאַראָשפוקאָ).

187) קיין זאַך איז נישט אַזוי שווער צו זאָגען אַ מענשען, ווי די וואַרהייט (וואָלטער).

188) די מענשען נעהמען די וואַרהייט, ווי קראַנקע — מעדיצין, נאָר צו קליינע לעפעלעך (בואַסט).

189) דעם מענשענס אירטהימער מאַכען איהם סימפּאַטישער (געטע).

190) די מענשען קאָנען זיך נישט טרייסטען, ווען זייערע פיינד אָדער פריינד נאַרען זיי, נאָר ווען זיי נאַרען זיך זעלבסט, זענען זיי טיילמאָל זעהר צופריעדען (לאַראָשפוקאָ).

191) נישט ווייל ער ווייסט נישט, אירט דער מענש, נאָר ווייל ער בילדעט זיך איין, דאָס ער ווייסט (רוסאָ).

192) זיך בעפרייען פון אַנ'אירטהום איז קליגער, ווי ענטדעקען אַ וואַרהייט (בערנע).

193) איינס פון די גרעסטע פעהלער איז צו רעכענען, דאָס אַלע פיהלען, זעהען און דענקען, ווי מיר (בואַסט).

194) קיין זאַך איז נישט אַזוי שעהליך פאַר א נייע וואַהרהייט, ווי אַן אַלטער אירטהום (געטע).

195) אירדען איז מענשליך (סענעקאַ).

196) אירדען קאָן יעדער, בלייבען ביים אירטהום — נאָר אַ נאַר (ציצעראָ).

197) אונזער לעבען איז צו קורץ, אום מיר זאָלען קאָנען ציהען אַ נוצען פון אונזערע פעהלער (לאַברויער).

198) אירטומער פון גרויסע מענשען זענען בעלעהרענדער, ווי וואַהרהייטען פון קליינע (בערנע).

199) אַן־אונוויסענדער איז נאָר דער, וועלכער וויל אַזעלכער בלייבען (פלאַטאָ).

200) פאַר דעם אונוויסענדען איז נישטאָ קיין אונמעגליכעס (ווינעלאַנד).

201) גרויסע מענשען פערציהט מען אויך קיין קליינע אירטימער (עשענבאַך).

202) קיין זאַך איז נישט אַזוי אַנשטעקענד, ווי אַן־אירטום, וועלכער ווערט אונטערשטיצט פון אַ בעריהמטען מענשען (בייקאָן).

203) דער אונוויסענדער צייכענט זיך אָפט אויס מיט זיין ענטשלאָסענהייט, ווייל ער בעגרייפט נישט די שוועריגקייטען (טרעוואָ).

204) אַ פעהלער מאַכט אונז נישט קליגער, ווייל מיר בעגעהען איהם אימער אונטער אַן־אַנדער פאָרם (בענווענוטאָ טשעליני).

205) איך אירר, אַלזאָ, בין איך (סאַנקט אויגוסטינוס).

206) פאַרהאַן דרייערליי אונוויסענהייטען: גאָרנישט וויסען, שלעכט וויסען און וויסען נישט דאָס, וואָס מען דאַרף (פּאַטעווען).

207) אויפגראָבענדיג אַן־אירטום פערלירט מען צייט, וועלכע מען וואָלט געקאָנט געברויכען אויף צו ענטדעקען אַ וואַהרהייט (וואָלטער).

208) ווען דער ערשטער קנאָפ איז נישט גוט צוגעשפּיליעט, זענען שוין אַלע אַנדערע קנעפּ נישט אויף זייער אָרט (געטע).

209) אין יעדען אירטום איז פאַרהאַן אַ קערנדעל פון וואַהרהייט, אַזוי ווי אין יעדער וואַהרהייט איז פאַרהאַן אַ קערנדעל פון אירטום (ריקערט).

פילאזאפיע.

210) פילאָזאָפיע איז דער העכסטער אויסדרוק פונ'ם געזונדען מענשען־פערשטאַנד (קוזען).

211) פילאָזאָפיע איז אַנאיבערזעצונג פון דער נאַטור־שפּראַך, דאָך גיט אונז אַפילו די בעסטע קיין רעכטען בעגריף וועגען דעם אָריגינאַל (מאָהר).

212) די וואַהרע פילאָזאָפיע איז קיין אַנדער זאַך, אַלס די לעהרע פונ'ם טויט (ניוטאָן).

213) ווענניג פילאָזאָפיע דערווייטערט פון רעליגיע, פיעל פילאָזאָפיע — פיהרט צו איהר צוריק (בעקאָן).

214) די גרעסטע אויפגאַבע פון דער פילאָזאָפיע איז אויפצוווייזען דעם צוזאַמענהאַנג פון די וועלט־ערשיינונגען (געטע).

215) די פילאָזאָפיע קאָן לייכט טריאומפירען איבער אַ פערגאַנגענעם אָדער צוקינפטיגעם אומגליק, דאָס געגענווערטיגע אָבער — טריאומפירט איבער איהר (לאַראָשפוקאָ).

216) עס איז נאָך נישט געווען קיין פילאָזאָף, וועלכער זאָל קאָנען רוהיג פערטראָגען צאָהן־שמערצען (שעקספיר)..

217) דער אמת'ער פילאָזאָף האָט ליעבער די וואַהרהייט, ווי זיין סיסטעם (שילער).

218) אָבלייקענען דאָס, וואָס עקזיסטירט, און ערקלערען דאָס, וואָס עקזיסטירט ניט, איז די מאַניע פון די פילאָזאָפען פון אַלע צייטען (רוסאָ).

219) ווען דער, וואָס רעדט, פערשטעהט נישט, וואָס ער רעדט, און דער, וואָס הערט, פערשטעהט נישט וואָס ער הערט, דאַן איז עס מעטאַפיזיק (וואָלטער).

220) איין פאַקט קאָן איבערשפּארען דעם אויטאָריטעט פון הונדערט פילאָזאָפען (בּרוּן).

221) עס איז נאָך נישט געווען דאס נאַרישקייט, וועלכעס די אָדער יענע פילאָזאָפען זאָלען נישט האָבען פערטיידיגט אַלס אַ וואהרהייט (ציצעראָ).

222) פאַרהאַן זאַכען צווישען הימעל און ערד, וועלכע האָבען זיך אונזערע פילאָזאָפען קיינמאָל נישט געחלומט (שעקספּיר).

223) אַלעס פליעסט (העראַקליטאָס).

224) דער פערשטאַנד איז דער שפּיגעל פון וועלט־אַל (ליבּניץ).

225) קיין זאַך געהט נישט אונטער, עס בּייט נאָר די פאָרם (אָוויד).

226) דער קאַמפּף איז דער פאָטער פון אַלעס (העראַקלי־טאָס).

227) די וועלט איז אַ קאַמפּף פון אַלע געגען אַלעס (האָבּס).

228) די וועלט איז גאָטס לעבּעדיגע סטאַטוע (טאָמאַס קאַמפּאַנעלאַ).

229) עס, טרינק, שפּיעל, נאָכ'ן טויט איז קיין פערגעניגען נישט פאַרהאַן (פילאָזאָפישער פּרינציפּ פון די עפּיקורעער).

230) נאָך אונז מעג קומען אַ מבול (מאַרקיזע דע פּאָמפּאַדור).

231) זינט די מענשען עקזיסטירען, האָבען זיי זיך צו ווייניג געפרעהט (ניצשע).

232) דער מענש איז געבּוירען געוואָרען פאַר דעם פערגעניגען (פּאַסקאַל).

233) דער מענש איז אַ קליינע וועלט (עולם קטן) (פּיקאָ דע מיראַנדאָלאַ).

234) די נאַטור האַסט דאָס לעערע (לאַט. וואָרט).

235) קען דיך זעלבסט (סאָקראַטעס'עס פילאָזאָפישער פרינציפ).

236) יעדעס בעשעפעניש בעמיהט זיך ווי ווייט מעגליך צו דער־האַלטען זיין עקזיסטענץ (שפינאָזאַ).

237) די פילאָזאָפישע טעאָריעס זענען ריכטיג אין דעם, וואָס זיי בעשטעטיגען, און פאַלש אין דעם, וואָס זיי פערנייגען (לייבניץ).

238) מען קאָן קיין זאַך נישט וויסען, און אַפילו דאָס אויך נישט (פילאָזאָפישער פרינציפ פון די סקעפטיקער).

239) די נאַטור וויזט אונז גאָט, און אין דער זעלבער צייט בעהאַלט זי איהם פון אונז (פאַסקאַל).

240) מיר זעהען צופיעל, אום צו צווייפלען, צו וועניג אָבער אום צו גלויבען (פאַסקאַל)

241) איין מענש וועט פירן אַנדערען מיט קיין פינגער נישט ריהרען, אויב ער וועט דערין נישט זעהען זיין אייגענעם אינטערעס (בענטהאַמ'ס פילאָזאָפישער פרינציפ).

242) דאָס יעניגע, וועלכעס קאָן זיך נישט אויפהאַלטען דורך אייגענע קראַפט, האָט נישט דאָס רעכט צו עקזיסטירען (שפינאָזאַ).

243) איך בין אַ מענש, און קיין מענשליכע זאַך איז מיר נישט פרעמד (טערענציוס).

244) דער מענש איז פאַר דעם מענשען אַ הייליגטום (פילאָזאָפישער פרינציפ פון די סטאָיקער).

245) דער מענש איז פאַר דעם מענשען אַ וואָלף (האָבס).

246) דער מענש איז פאַר דעם מענשען דאָס אינטערעסאַנטעסטע (געטע).

247) יעדע ענטשטעהענדע זאַך זוכט זיך פלאַץ און צייט, דאַרום פערטרייבט זי אַנאַנדער זאַך פונ'ם פלאַץ און פערקירצט איהר צייט (געטע).

248) מען דאַרף נישט לאַכען, נישט וויינען, נאָר פערשטעהן (שפינאָזאַ).

249) די וועלט איז גאָטס בוך, און די בוכשטאַבען זענען די צאָהלען (גאַלילעאוס).

250) דער מענש איז אַ פּאָליטישע חיה (אַריסטאָ).

251) דער מענש איז אַ רעליגיעזע חיה (פּלאַטאָ).

252) צוויי זאַכען ערפילען מיין גייסט מיט ערשטוינונג און עהרפורכט: דער געשטערנטער הימעל איבער מיר און דאָס זיטליכ-קייטס-געזעץ אין מיר (קאַנט).

253) אַלעס שעדליכע האָט אַ געוויסען נוצען (טאָלסטאָי).

254) פאַר די, וועלכע גלויבען נישט אין זונשטערבליכקייט, עקזיסטירט זי אויך נישט (בערנע).

255) אַלעס, וואָס איז נישט פערבאָטען, איז ערלויבט (שילער).

256) נישט אַלעס, וואָס איז ערלויבט, איז אָנשטענדיג (געטע).

257) נוצליך זיין איז אַ פפליכט, וועלכע דער מענש נעהמט אויף זיך פון געבורטענס אָן, און פון וועלכער דער טויט קאָן איהם אַפילו נישט בעפרייען (בואַסט).

258) אַ סקעפטיקער קוקט מיט אַ לאַמטערן, צו די שטערען שיינען (בואַסט).

259) די פעלקער וועלען זיין גליקליך, ווען זיי וועלען האָ-בען גוטע פילאָזאָפען פאַר הערשער (פּלאַטאָ).

260) די געטער האָבען בעשאַפען די רוט, אום די מענשען צו ערניעדעריגען (היינע).

261) רעליגיע — די פילאָזאָפיע פונ'ם האַרצען (שליער-מאַכער).

262) ווער עס ליעבט נישט וויין, ווייב און געזאַנג, בלייבט אַ נאַר זיין לעבען-לאַנג (לוטהער).

263) ווען אַ רעליגיאָן זוכט הילף ביי דער פילאָזאָפיע, איז איהר אונטערגאַנג זיכער (היינע).

264) יעדע ערפאַהרונג איז נאָר אַ האַלבע ערפאַהרונג (געטע).

דענקען.

265) קיין זאך איז נישט אזוי פריי, ווי דעם מענשענ׳ס דענקען (יום).

266) אום צו בעפרייען א מענשען, דארף מען איהם אויסלערנען דענקען (בואַסט).

267) אינ׳ם דענקען פערלאָזען מיר זיך גערן איינער אויפ׳ן אנדערען (מאָהר).

268) ווי אזוי קאָן איינער ווערען א דענקער, ווען ער פערברענגט צוויי דריטעל טאָג מיט מענשען, ביכער און ליידענשאַפטען (ניצשע).

269) וואָס דו דענקסט, געהערט צו אַלע, וואָס דו פיהלסט — נאָר צו דיר אַליין (שילער).

270) מען דארף זיך בעגעהן עקאָנאָמיש מיט די אינסטרומענטען פאַר דאָס דענקען (מולטאַטולי).

271) ווען איך וואָלט געמאַכט א שפּראַך, וואָלט איך דאָס וואָרט „אָבער" אינגאַנצען נישט אריינגעשטעלט (בולווער).

272) איך דענק, אַלזאָ בין איך (קאַרטעזיוס).

———————

געדאנק, מיינונג.

273) געדאַנקען זענען צאָלפריי (מאַרטין לוטהער).

274) בוכדרוקעריי איז די אַרטילעריע פונ׳ם געדאַנק (בואַסט).

375) מיר האָבען קיין מאַכט איבער דעם גאַנג פון אונזערע געדאַנקען, אזוי ווי מיר האָבען קיין מאַכט איבער דעם לויף פון אונזער בלוט (וואָלטער).

276) גוטע געדאַנקען קומען געוועהנליך, ווי פייער־לעשער — צו־שפּעט (זאַפיר).

277) א געדאַנק געהערט דעם, וועלכער קאָן איהם אונטערשטיצען און געהעריג בענוצען (עמערסאָן).

278) די געדאנקען, וועלכע האבען די וויכטיגסטע פאלגען, זענען תמיד די איינפאכסטע (טאלסטאי).

279) גנב'ענען געדאנקען איז א גרעסערער פערברעכען, איידער גנב'ענען געלה (וואלטער).

280) געדאנק און טהאט האט איינער אמאל פערגליכען צו רחל און לאה; די ערשטע איז געווען שענער, די צווייטע — פרוכט-באַרער (געטהע).

281) געדאנקען זענען קנאספען, ווערטער זענען בלומען, די ערנעהרענדע פורכט איז נאר אין טהאט. דאס ערגסטע אינם לעבען זענען די קליינע געדאנקען; בעסער שלעכט געטהון, איידער קליין געדאכט (ניצשע).

282). געדאנקען, וועלכע געהען אויף טויבען-פיסלעך, פיהרען די וועלט (ניצשע).

283) געדאנקען האבען ווי מענשען זייער יוגענד (בעקאן).

284) קלוגע קלערען אוים געדאנקען, נאראנים פערשפרייטען זיי (היינע).

285) געדאנקען קומען נישט אוים דעם קאפ, נאר אוים דעם הארצען (היינע).

286) ווען איך וואלט האבען אלע געדאנקען פון דער וועלט אין מיין האנד, וואלט איך מיך היטען, זי צו עפענען (פאנטנעל).

287) די בעסטע געדאנקען זענען די, וועלכע קומען אהן אנשטרענגונג און מען ווייסט נישט פון וואנען זיי קומען (רעסקין).

288) א געדאנק איז א פאליפ. שנייד איהם איבער אויף די די העלפט, וועסט האבען צוויי, שנייד די צוויי אויף די העלפט, וועסט האבען פיער און אזוי ביז אין די אונענדליכקייט (מולטאטולי).

289) עס בייטען זיך נישט די זאכען, ווי עס בייט זיך אונזערע מיינונג וועגען זיי (פטימען).

290) ווען איך דארף הערען אנאנדערענס מיינונג, דארף זי

זײַן װעהר הײמליך אױסגעדריקט; אונדײַטליכעס האָב איך גענוג אין מיר אַלײן (געטע).

291) ס'מעהרסטע מענשען האָבען נישט קײן אײגענע מײנונג (ד'אַלאַמבער).

292) װעלטען ליעבען מיר אײנעם אַזױ שטאַרק, אום װעהם צו אַפּפערען אונזערע מײנונגען (בואַסט).

293) אין מײנונגס־קעמפּפען זאָל מען זײַן אַם פאָרזיכטיגסטען, װען אונזער געגנער רוקט זיך צו נעהנטער צו אונז אין איז כלומרשט מיט אונז אין אַלעם אײנשטימיג (בערנע).

עצות.

294) מען גיט עצות, אָבער מען גיט נישט צו פערשטאַנד, װי זײ אױסצופיהרען (לאַראָשפוקאָ).

295) קײן זאַך שענקט מען נישט אַזױ גערן, װי עצות (לאַראָשפוקאָ).

296) עצות גיבען מיר אומזיסט, װײַל קײנער װיל זײ נישט קױפען (פטיסען).

297) עצות דאַרף מען ליעבער הערען, װי געבען (שעקספיר).

298) פאַרדאַן מענשען, װעלכע גיבען אונז אַזױ פיעל עצות, דאָס זײ לאָזען גאָרנישט איבער פאַר זיך (לאַראָשפוקאָ).

װיץ.

299) בײַ גרױסע מענשען געפינט מען אין אײן װיץ אַ גאַנצעם בוך, װעהרענד מען געפינט הײַנט אין אַ גאַנצעם בוך קױם אײן װיץ (שאַמפאָר).

300) עס איז נישט פרעהליך צו הערען, װען אונגליקליכע אָדער שטאַרבענדע װיצלען זיך (טשעחאָװ).

301) אינ׳ם הימעל איז נישטאָ קיין הומאָר (מאַרק טווען).

302) די סאַטירע ערגערט די מענשען, וועלכע זי גרייפט אָן, אָבער זי פערבעסערט זיי נישט (בואַסט).

303) געגען סאַטירע איז נאָר דאָ איין מיטעל — אַ קבר אָדער אַ הול־הויז (זאַפיר).

304) וואָס העכער אַ מענש איז, אַלץ לייכטער טרעפט איהם די פייל פון דער איראָניע; קאַרליקעס איז שווער צו טרעפען (הייניע).

305) פאַר אָבלאַכער האָבען מיר מעהר מורא, ווי פאַר פּאָליציי (מינאַיעוו).

306) פונ׳ם ערהאַבענעם ביז׳ן לעכערליכען איז נאָר איין טריט (נאַפּאָלעאָן).

306) פונ׳ם ערהאַבענעם ביז׳ן לעכערליכען איז נאָר איין טריט (נאַפּאָלעאָן).

307) וואָס ס׳איז לעכערליך, דאָס איז נישט געפעהרליך (וואָלטער).

308) מען טויטעט נישט מיט כעס, נאָר מיט לאַכען (ניצשע).

309) די געוואָהנהייט צו געפינען אין אַלעם נאָר דאָס לעכערליכע איז דער בעסטער סימן פון אַ קליינער נשמה, ווייל דאָס לעכערליכע געפינט זיך אימער אויף דער אויבערפלעכע (אַריסטאָ).

310) איראָניע — אַ גוטעס, אַנטיסעפטישעס מיטעל (אַלפאָנס דאָדע).

זכרון.

311) אַ גוטער זכרון פערמעהרט דאָס לעבען (מיראַבאָ).

312) עס איז נישט אינ׳ם מענשענס מאַכט דעם זכרון צו פערליערען (טאַציטוס).

313) אַ זכרון ביי בעגרענצטע מוחות איז אַ קאַפּיטאַל אָהן פערדיענסט (לאַלי טאָלענדאַל).

314) אין דעם, וואָס מען געדענקט נישט קיין אָנטייל, דאָס געדענקט מען נישט (געטע).

315) די ערינערונג איז דאָס איינציגע גן־עדן, אוים וועלכעם מיר קאָנען נישט פערטריבען ווערען (זשאַן פּאָל).

316) דער זכרון ווערט שוואַכער, ווען מען בענוצט איהם נישט (ציצעראָ).

317) עס גיבט קיין שטאַרקערעס ליידען, אַלס זיך דער־מאָהנען אין אונגליק אָן די גליקליכע צייטען (דאַנטע).

אידעע. אידעאל.

318) די איינפאַכסטע אידעען זענען אָפט די, וועלכע מוּר ערפאָדערן צום שפּעטסטען (לאַפּלאַס).

319) אַנ׳אידעע, וועלכע מען פערשטעהט לייכט, איז אָפט נישט ווערטה, דאָס מען זאָל זי פערשטעהען (מולטאַטולי).

320) דאָס וואָרט אידעע דאַרף אין דער מעדיצין קיינמאָל נישט פאָרקומען (געטע).

321) אידעען קאָן מען בעקעמפען נאָר מיט פערשטאַנד; מיט ביקסען קאָן מען אידעען נישט דערשיסען (ריוואַראָל).

322) ווען אַנ׳אידעע וויל אַריינדרינגען אין די מאַסען, מוז זי ברענגען קרבנות (רענאַן).

323) אידעען זענען זעהר אָנשטעקענד (העלוואַלד).

324) ליבעראַלע אידעען פאָדערן אַ ליבעראַלע אויפפיהרונג (בואסט).

325) גענוג איז האָבען צוויי אידעאַלען, אום די טעטיגקייט איינגאַנצען צו פערניכטען (מעטערלינק).

326) דאָס אידעאַלע ווערט צו שטויב, ווען עס קומט אין בע־ריהרונג מיט דעם ווירקליכען (וו. הוגאָ).

327) אַ מענש מיט הויכע אידעאַלען איז אימער אַנאַנגענע־קוועמער שכן (עשענבאַך).

328) אידעאַל איז נאָר אַזעלכער, וועלכען מען קאָן פֿער־ווירקליכען נאָר אינם געדאַנק אָדער אין אינגעדליכער צוקונפֿט (טאָלסטאָי).

329) פֿאַר דאָס הימלישע איז קיין קבר נישטאָ (לערמאָנ־טאָוו).

געזעלשאַפֿט, ציוויליזאַציע.

330) די געזעלשאַפֿט איז אַ וואָגשאָל, וועלכע קאָן נישט אויפֿהויבען איינעם אויף איין זייט, נישט ערנידערענדיג אַנאַנ־דערען אויף די צווייטע זייט (וואַגנער).

331) אום דער געזעלשאַפֿט צו נוצען, דאַרף מען האָבען די דרייסטקייט אידר נישט צו געפֿעלען (פֿלעשיע).

332) האָטש אויף דער וועלט איז פֿאַראַן פֿיעל העסליכעס, דאָס העסליכסטע איז אָבער אימער די געזעלשאַפֿט (שאָפּענ־הויער).

333) אין אונזער געזעלשאַפֿט איז פֿאַראַן נאָר דריי לעבענס־מיטלען: גנבה, קצבה און גערויבט. (מיראַבאָ).

334) אייגענטום הייסט גנבה (פּרוהאָן).

335) דער מענש האָט ליעב די געזעלשאַפֿט, זאָגאַר די געזעלשאַפֿט פֿון אַ ברענענדעם ליכט (ליכטענבערג).

336) מיר האָבען נישט קיין בעסער מיטעל, זיך נוקם צו זיין אין דער געזעלשאַפֿט, ווי זי צו צווינגען, אונז צו אַפּלאָדירען (גאָלדאָני).

337) די געזעלשאַפֿט איז ווי אַ בינהשטאָק; מען קאָן נישט צוגעהן צו איהר אָפֿט, אום מען זאָל נישט געביסען ווערען (בואַסט).

338) דער געפֿעדרליכסטער פֿון אַלע ווילדע איז דער ציווי־ליזירטער (וועבער).

339) דער טויף־שיין איז דער אײַנגאַנגס־בּילעט אין די איראָפּיאַישע קולטור (הײַנע).

340) די מענשליכע ערפינדונגען געהען אימער פאָרוועטרס, נור דאָס גוטע און דאָס שלעכטע בלײַבּט אימער דאָזעלבע (פּאַסקאַל).

341) ניכט די ציוויליזאַציע דעמאָראַליזירט די געזעלשאַפט, נאָר די אונוויסענהײַט, ווילדקײַט און אָרעמקײַט פון די פאָלקס־מאַסען (איבּסען).

342) יעדע נײַע אײַזענבּאַהן, יעדעס נײַע דאַמפשיף גיט מיר אַ גאַראַנטיע פאַר דעם אַלגעמײַנעם פריעדען (בּאָקל).

343) די ערד האָט גאָט בּעשאַפען, און די שטאָדט — דער מענש (קאָופּער).

344) אַ האַנדעלס־אויסשטעלונג איז דאָס שלאַכט־פעלד פון פּראָגרעס (דעקורסעל).

345) אַרבּײַט און גײַסטליכע ענטוויקלונג פערקלענערען די אונגלײַכהײַט צווישען מענשען (בּאַראַנט).

346) ניכט די ימים צוטײַלען די פעלקער, נאָר די אונוויסענהײַט, ניכט דער אונטערשיעד פון דער שפּראַך, נאָר די פײַנדליכע בּעציהונגען (רעמקין).

347) נאָר אין דער אײגענער קראַפט רוהט דאָס שיקזאַל פון יעדער נאַציאָן (גראַף מאָלטקע).

348) אונצופריעדענהײַט איז דער אורשפּרונג פון פיעלע לײדען, אָבּער אויך פון יעדען פאָרשריט אינים לעבּען פון אײנצעלנע, ווי פון גאַנצע פעלקער (אויערבּאַך).

349) מעהר ליכט (געטע׳ס לעצטע ווערטער).

350) די ערד האָט אַ הויט, וועלכע האָט קראַנקהײַטען. אײנע פון זײ הײסט — מענש (ניצשע).

351) בּײַ דעם איצטיגען קולטורעלען צושטאַנד קאָן מען דעם גײַסטליכען הונגער גיכער בּעפריעדיגען, אַלס דעם קערפּערליכען (גאָרקי).

352) דער מענש איז דאס מוטהיגסטע רויב-טהיער (ניצשע).

353) ווען קלעאפאטראס נאז וואלט געווען א ביסעל קירצער, וואלט די וועלט היינט גאר אנדערש אויסגעזעהען (פאסקאל).

354) פון אלע פעלקער האבען דעם שענסטען לעבענס-טרוים געזעהען די אלטע גריכען (געטע).

355) פרעסע — די זיעבעטע גרויסע מלוכה (פריעדריך דער גרויסער).

356) אלע פעלקער שפעטען איינס פונ'ם אנדערען און אלע האבען רעכט (שאפענהויער).

357) אויף אונזער ערד איז פארהאן פלאץ פאר אלע (שילער).

358) די נייגונג צו נאכאהמען ענטוויקעלט די מענשען (רוסא).

359) יעדעס יאהרהונדערט האט זיך זיינע פעהלער (וואלטער).

360) אונזער כלומרשט'דיגע ציוויליזאציע איז אייגענטליך נישט מעהר, ווי א פערפיינערטעס בארבארענטום (בואסט).

361) דער מענש געהערט צו זיין ראסע און צו זיין יאהרהונדערט, אפילו ווען ער וויל עס נישט אנערקענען (ערנסט רענאן).

362) די געזעלשאפט איז, ווי א טאליע קארטען, אימער אינטערעסאנטער, וואס מעהר זי איז געמישט (זאפיר).

363) אום זיך צו קאנען בעגעהן אהן די געזעלשאפט, דארף מען זיין א גאט אדער א טהיער (אריסטא).

364) עס איז שווער צו לעבען מיט מענשען, ווייל צו שווייגען איז שווער (ניצשע).

365) זעהענדיג א סטאדע בארא‌נעס לויפען נאך'ן פיהרער, האב איך אין זייער בלעקען די פון מענשען אפט ווידערהאלטע פראזע „איך וויל נישט זיין אנ'אויסנאהם!" (שאפענהויער).

———

איינזאמקייט.

366) וואָס גרעסער די שטאָדט, גרעסער איז די איינזאַמקייט (לאַטייניש שפּריכוואָרט).

367) דער שטאַרקער איז אַם שטאַרקסטען אַליין (שילער).

368) דער שטאַרקסטער מענש איז דער, וועלכער שטעהט אַליין (איבסען).

369) איך וואָלט נישט געהאַט קיין גרעסערע פּיין, ווי צו זיין אינ'ם גן־עדן אַליין (געטע).

370) נישט ליעב האָבען איינזאַמקייט, הייסט — נישט ליעב האָבען פרייהייט, ווייל דער מענש איז נאָר דאַן פריי, ווען ער איז אַליין (שאָפּענהויער).

371) אומגאַנג מיט מענשען ענטוויקעלט דעם פערשטאַנד, איינזאַמקייט אָבער איז די שולע פון'ם זשעני (גיבאָן).

372) כאַראַקטער בילדעט זיך אויס אינ'ם וועלט־שטורם, טאַלענט אָבער — נאָר אין דער שטיל (געטע).

373) לעבען זאָל מען מיט מענשען, שטאַרבען אין איינזאַמקייט (גאָרקי).

374) וואָס מעהר אַ פאָלק איז אונגליקליך, מעהר איז עס צוגעבונדען צו זיין פאָטערלאַנד (אַליבער).

375) וואו מיר איז גוט, דאָרט איז מיין פאָטערלאַנד (אַהיסטאָפאַנעס).

376) וואו מיר בילדען זיך, דאָרט איז אונזער פאָטערלאַנד (געטע).

377) וואו מיר האָבען רעכטע, דאָרט איז אונזער פאָטערלאַנד (שילער).

378) ליעבט נישט אייער פאָטערלאַנד, נאָר אייער קינדער־לאַנד (ניצשע).

379) קיינער איז נישט קיין נביא אין זיין פאָטערלאַנד (אַפּאָסטעל מתתיהו).

380) אין דער יוגענד זעהען מיר גערען פרעמדע לענדער, אויף דער עלטער — נאך גערנער אונזער אייגענע (זאפיר).

381) אום צו דערקענען אונזער צוגעבונדענקייט צום פאטערלאנד, דארף מען עס פערלאזען (קאראמזין).

382) א פאלק קאן נאר אין זיין אייגען לאנד גליקליך זיין (באראנט).

שפראך.

383) ווער עס קאן נישט קיין פרעמדע שפראכען, קאן אויך נישט זיין אייגענע (געטע).

384) מענשען, וועלכע לערנען לייכט שפראכען, האבען געוועהנליך א שטארקען חאראקטער (בערנע).

385) וויפיעל שפראכען איינער בעזיצט, אזוי פיעל מאל מענש איז ער (קארל V).

386) גוטע איבערזעצונגען זענען דאס בעסטע מיטעל רייך צו מאכען א שפראך (ד'אלאמבער).

387) ווען א שפראך ווערט טויט, ווערט זי אונשטערבליך (ריוואראל).

388) דער קייזער איז נישט העכער פאר די גראמאטיק (לאט. שפריכווארט).

389) די בעסטע פון אלע גראמאטיקעס איז די געוואוהנהייט (בואסט).

ערציהונג.

390) מען וואלט געקאנט האבען גוט-ערצויגענע קינדער, ווען די עלטערן וואלטען געווען גוט ערצויגען (געטע).

391) וויפיעל געזעצען וואָלטען געווען איבעריג, ווען מען וואָלט געהאַט גוטע ערציהונגס־געזעצען (לאַבאָמעל).

392) דער יעניגער וועט זיין אַ שלעכטער ערציהער, וועלכער געדענקט גאָרנישט פון זיין אייגענע יוגענד (עשענבאַך).

393) אַלע ערציהונגס־מיטלען זענען אומנוציג, ווען מיר לערנען נישט די קינדער צו ליעבען פעלדער, פויגעל און בלומען (רעסקין).

394) די בעסטע ערציהונג איז די, וועלכע לערנט אונז זיך זעלבסט צו ערציהען (שערער).

395) די ערציהונג דאַרף זיך אָנהויבען פון דער וויעג (פעסטאַלאָצי).

396) קינדער ווערען מיט קאַפּריזען נישט געבוירען, זיי בעקומען זיי נאָר דורך שלעכטע ערציהונג (רוסאָ).

397) מאַכט נישט פון אַ קינד אַ גאָט, ער וועט אויפוואַקסען, וועט ער פאָדערען אָפּפער (בואַסט).

398) דאָס גליק פון אַ פאָלק איז אָבהענגיג פון דער ערציהונג פון דער יוגענד (באַרטהעלעמי).

399) אַ שטעקען קאָן נאָר מאַכען פאַר אַ געהאָרכזאַמען שקלאַף, אָבער נישט פאַר אַ העלד (לאָיד).

400) דעם מענשענס ערציהונג דאַרף זיך אָנפאַנגען מיט שפּריכווערטער און ענדיגען מיט געדאַנקען (באָנאַל).

געשיכטע.

401) די שולע איז די בעסטע פאָרשולע (געטע).

402) די וועלט־געשיכטע איז דאָס וועלט־געריכט (שילער).

403) דאָס גרעסטע גליק פאַר'ן געשיכטע־שרייבער איז, דאָס די טויטע קאָנען נישט קומען איהם אָבלייקענען (הויף).

404) דער גרעסטער נוץ פון דער געשיכטע איז דער ענטוזיאַזם, וועלכען זי רופט ביי אונז אַרויס (געטע).

405) דער היסטאָריקער איז דער נביא פון דער פערגאַנגענ־היַיט (שלעגעל).

406) געשיכטע איז די אונשטערבליכע בירגערין פון אלע צײַטען און נאַציאָנען (שילער).

407) די געשיכטע פון דער געגענוואַרט איז אויך די געשיכטע פון דער פערגאַנגענהײַט און פון דער צוקונפט (בערנאַרדען דע סען פיער).

408) די אַלטע געשיכטע איז די געשיכטע פון דער מענשהײַט, די נײַערע אָבער — די געשיכטע פון אײַנצעלנע פערזענליכקײַטען (בואַסט).

409) יעדער היסטאָריקער מוז זײַן אַ ליגנער (ניקאָל).

410) יעדע מיטהאָלאָגיע האָט אין זיך 3/4 היסטאָריע, יעדע היסטאָריע — 7/8 מיטהאָלאָגיע (זאַפיר).

רעכט, טיראַניי.

411) דאָס גרעסטע רעכט איז דאָס גרעסטע אונרעכט (ציצעראָ).

412) דאָס רעכט פונם שטאַרקערען איז דאָס שטאַרקסטע אונרעכט (עשענבאַך).

413) פפליכטען אָהן רעכטע איז שקלאַפערײַ, רעכטע אָהן פפליכטען — אַנאַרחיע (לאַמענע).

414) ווער עס ענטזאַגט זיך פון זײַנע פפליכטען, פערליערט זײַנע רעכטע (הערדער).

415) פאַרהאַן צוויי פריעדליכע מאַכטען: רעכט און אַנשטענ־דיגקײַט (געטע).

416) דאָס רעכט צו בעקלאָגען זיך, גיט דעם פאָלק צוריק אלע זײַנע רעכטע (דאַרי).

417) ווער עס וויל אומוואַרפען טיראַניי, מוז בײַ אידר דיענען (בערנע).

418) דער ערפֿאָלג מאַכט פֿאַר טיראַנען די בעזיעגער פֿון דער טיראַניי (קאַזימיר דעלאַוין).

419) די שרעקליכסטע טיראַניי איז די, וועלכע געשעהט אונטער דער מאַסקע פֿונ׳ם געזעץ און אינ׳ם נאָמען פֿון דער גערעכטיגקייט (מאָנטעסקע).

420) ווער עס האָט נישט מורא פֿאַר׳ן טויט, האָט אויך נישט מורא פֿאַר׳ן טיראַן (קאָרנעל).

421) ביסטו אַ שקלאַף, קאָנסטו קיין פֿריינד נישט זיין, ביסטו אַ טיראַן, קאָנסטו קיין פֿריינד נישט האָבען (ניצשע).

422) די שרעקליכסטע טיראַניי איז די טיראַניי פֿון די קליינינ־קייטען (אַנדרעיעוו).

423) עגיפטען האָט מען געפּלאָגט נישט מיט טיגערן, נאָר מיט היישעריקען (מולטאַטולי).

געזעץ.

424) מען קאָן נישט רעכענען אויף די בעשיצונג פֿון די געזעצען, ווען זיי ווערען אויסגעטייטשט אין אַ פּאַרטיי־גייסט (בו־אַסט).

425) הויך שטעהט דאָס געזעץ, העכער אָבער שטעהט די ליעבע (זודערמאַן).

426) דאָס געזעץ איז דער פֿיינד פֿונ׳ם שוואַכען (געטע).

427) פֿאַרהאַן טויזענדער מיטלען צו מהון די גרעסטע פֿערברע־כענס און נישט בעריהרען קיין איין געזעץ (מאַה דע סטאַל).

428) מאַכען געזעצען איז לייכטער, ווי היטען זיי (נאַפּאָ־לעאָן).

429) דאָס געזעץ איז שפּינוועבעכטס, אין וועלכען די קליינע פֿליעגען קומען־אום; די גרויסע אָבער, רייסען זיך דורך (אַנאַחאַ־רזיס).

430) אונטער די וואַפֿען שווײַגט דאָס געזעץ (ציצעראָ).

431) געזעצען זענען קײן אַנדער זאַך, אַלס געזעצען־דיספּאָטיזם (בואַסט).

432) אַ צו־גרויסע צאָהל געזעצען אין אַ לאַנד איז, ווי אַ צו־גרויסע צאָהל דאָקטוירים, אַ סימן פֿון קראַנקהײַט און שוואַכקײַט (וואָלטער).

433) יעדער האָט דאָס רעכט צו טהון דאָס, וואָס שאַדט ניט קײנעם (שאָפּענהויער).

געריכט.

434) ווען איהר ווילט מיך משפּט'ן, זײַט נישט מיט מיר, נאָר אין מיר (מיצקעוויטש).

435) אַ ריכטער איז דאָס רעדענדיגע געזעץ, געזעץ — אַ שטומער ריכטער (ציצעראָ).

436) בעשטראָפֿט נישט דעם שולדיגען, לערנט איהם (סאָקראַטעס).

פֿרייהייט.

437) פֿרײַהײַט — די אײביגע יוגענד פֿון די נאַציאָנען (מאַנועל פֿאָי).

438) פֿרײַהײַט — די רעליגיאָן פֿון אונזער צײַט (הײַנע).

439) ווילסטו לעבען, מוזטו טראָגען פֿליכטען, ווילסטו פֿרײַהײַט, מוזטו שטאַרבען (העגעל).

440) ווילסטו פֿיעלע בעפֿרײַען, מוזטו בײַ פֿיעלע דינען (געטהע).

441) אַ פֿרײַעס פֿאָלק איז אונבעזיעגט (בואַסט)

442) פרייהייט איז ווי סעליטרע: מעהר מען דריקט זי, שטאַר־קער איז דער אויפרייס (פראַנצויזיש וואָרט).

443) פרייהייט בעקומען מיר ניט פון אַרעגירונג, זי ליגט אין אונזער אינסטינקט (רוסאָ).

444) דעם מענשען איז ליעבער די שטורמישסטע פרייהייט, איידער די רוהיגסטע אונטערטעניגקייט (רוסאָ).

445) װאָגאַר דאָס פרייסטע פאָלק איז נישט זיכער אין זיין פרייהייט (פענעלאָן).

446) נאָר די יעניגע, וועלכע זענען בערייט צו שטאַרבען פאַר די פרייהייט, קענען איהר ווערטה (מאַד. דע סטאַל).

447) ווער עס הערשט איבער אַנדערע, פערליערט זיין אייגענע פרייהייט (בעקאָן).

448) דער מענש איז פריי ווי אַ פויגעל אין דער שטייג: ער קאָן זיך בעוועגען נאָר אין בעשטימטע גרענצען (לאַוואַטער).

449) פרייהייט איז די שולע פונ'ם גייסט (גאָדווין).

עפענטליכע מיינונג.

450) די עפענטליכע מיינונג איז אַ וועסט, וועלכע מען קאָן טראָגען אויף בּיידע זייטען (שעקספּיר).

451) די עפענטליכע מיינונג שוינט דעם וואָלף און בעשטראָפט דעם שעפּסעל (יוּוועֵנאַליס).

452) די עפענטליכע מיינונג איז אַ וועקסיער־שפּיגעל, וועלכער ווייזט די זאַכען אָדער צו־גרויס, אָדער צו־קליין און אַלעמאָל פאַלש (מאָהר).

453) די עפענטליכע מיינונג איז דער העכסטער געזעץ־גע־בער פון פעלקער און קייזער (פּיטהאַגאָרס).

454) די עפענטליכע מיינונג, ווען זי פערליערט נישט דאָס גלייכגעוויכט דורך אויסערגעוועהנליכע געשעהענישען, איז אימער דער בעסטער ריכטער (מאַד. דע סטאַל).

מאכט.

455) די בעסטע מאַכט איז די, וועלכע מאַכט זיך זעלבסט איבעריג (וו. פאָן הומבאָלדט).

456) ווער עס וויל זיין לאַנגע דורך מאַכט בעפעסטיגען, איז ווי איינער, וואָס קריכט אַרויף אויף אַ וואולקאַן, אום זיך צו בעשיצען פון אַ שטורם (פעטראַרקאַ).

457) גיט איז צו האָבען די מאַכט פון אַ ריזע, גרויזאַם איז אָבער זי צו געברויכען ווי אַ ריזע (שעקספיר).

458) עס איז נישטאָ קיין געפעהרליכערע זאַך, ווי מאַכט אין די הענד פון אונפעהיגע (רוסאָ).

459) דעריעניגער פערשטאַרקט זיין מאַכט, וועלכער בענוצט זי מיט מעסיגקייט (צעזאַר).

רעגירונג.

460) די בעסטע רעגירונג דערקענט מען, ווען די בעסטע פרויען, האָט מען רעדט פון איהר וועניג (שילער).

461) וועלכע רעגירונג איז די בעסטע? די, וואָס לערנט אונז איבער זיך זעלבסט צו רעגירען (געטהע).

462) טויזענד יאָהר גרינדעט זיך אַ רעגירונג, און אין איין שעה ווערט זי פערניכטעט (בייראָן).

463) דער אַפעטיט צום עסען איז אַמשטאַרקסטען ביי אַ מענשען מיט אַ שוואַכען מאָגען, און דער אַפעטיט צום הערשען — ביי אַ שוואַכער רעגירונג (בערנע).

464) די שטאַרקסטע רעגיערונג איז די־יעניגע, אין וועלכער די אונטערטאַנען פיהרען אַ גליקליכעס, פרעהליכעס לעבען (מאַקיאַוועלי).

465) צוטייל און רעגיער (פיליפּאָס קעניג פון מוקדון).

466) צוטייל און רעגיער איז אַ גוט וואָרט, פעראייניג און פיהר איז אָבער אַ בעסער וואָרט (געטע).

467) רעגירען — הייסט, שטעלען אַ ווידערשטאַנד (גנאַר־וואַעץ).

468) דער קעניג קעניגט, אָבער ער רעגירט נישט (יאַן זאַמאָיסקי).

469 צוויי דערווישען שלאָפען אויף איין ראָגאָזשע, פאַר צוויי קעניגען אָבער איז אַ האַלבע וועלט צוקליין (אַראַביש שפּריכוואָרט).

470) אין דער אַלטער צייט, ווען די קראַפט האָט געהערשט, האָבען זיך די הערשער גענומען פאַר סימבאָלען לייבען און אָדלערס, אָבער נישט קיין פיקסען (דזשעראָם ק. דזשעראָם).

מיניסטער.

471) אַ ליבעראַל קאָן ווערען אַ מיניסטער, אָבער דאָס איז נאָך נישט קיין בעווייז, אַז ער וועט זיין אַ ליבעראַלער מיניסטער (וו. פאָן הומבאָלדט).

472) מיניסטאָרען פאַלען ווי ברויט מיט פוטער, געוועהנליך אויף דער גוטער זייט (בערנע).

473) די סודות פון אַ מיניסטאָרען־קאַבינעט געפינען זיך אָפט צווישען די פאַלדען פון אַ פרויען־קלייד (שילער).

דיפּלאָמאַטען.

474) די נצחונות אויפ'ן שלאַכט־פעלד אין קריעגס־צייט זענען אָפט עהרליכער אַלס די נצחונות פון די דיפּלאָמאַטען אין פריעדענס־צייט (זשאַן פּאָל).

475) דיפּלאָמאַטען זעהען מיט די אויערען, זייער עלעמענט איז די לופט, און נישט דאָס ליכט. דעריבער האָבען זיי ליעב שטילקייט און פינסטערניש (בערנע).

476) אין דעם טאָג, ווען די דיפּלאָמאַטען וועלען אָנפאַנגען צו זאָגען אמת, וועלען זיי אַלע אָבנאַרען (טאַלעריאַן).

477) א דיפלאמאט איז נישט מעהר ווי א פאליציאנט אין א פאראד-אוניפארם (בואסט).

478) דיפלאמאטיע איז דער לענגסטער וועג פון איין פונקט צום אנדערען (דעקורמעל).

פאליטיק.

479) שפיעלען אין פאליטיק איז פערקעהרט, ווי שפיעלען אין בלינדע קוה, דען נאר איינינע זעהען, ביי אלע אנדערע אבער זענען די אויגען פערבונדען (בואסט).

480) די פאליטיק פעררופט זיך אימער אויף הויכע פרינציפען; אין אמת'ן אבער אנערקענט זי נאר דאס רעכט פונ'ם שטארקערען (בואסט).

481) די פאליטיק האט אין אלע צייטען אונטערשטיצט געוואלט-טהאטען, אויף וועלכע די גערעכטיגקייט האט זיך בעקלאגט (וואלטער).

482) אין דער פאליטיק איז מען שוין לאנג געקומען צו דער איבערציינונג, דאס רעכט אהן קראפט האט קיין ווערטה נישט (בולי).

483) אין דער פאליטיק איז אלץ, וואס איז נישט נוצליך, שעדליך (גאניל).

484) די פאליטיק, וועלכע בעשטעהט נאר אינם בלוט-פערגיעסען, איז זעהר א קורצזיכטיגע (לאבריער).

המון.

485) פאליטיק איז, ווי דער מיטאלאגישער ספינקס וועלכער פרעסט אויף די יעניגע, וועלכע קאנען נישט ערקלערען זיינע רעטענישען (ריוואראל).

486) דער המון וויל, דאָס מען זאָל מיט איהם האנדלען, ווי מיט פרויען, וועלכע מען זאָגט נאָר דאָס, וואָס איז זיי אנגענעהם צו הערען (געטע).

487) דער המון קאָן נאָר אָדער אונטערטעניג געהאָרכען, אָדער שטאָלץ בעפעהלען (מאָנטעסקע).

488) ס'מעהרסט מענשען זענען צו קליין, אום דעם גרויסען מענשען צו פערשטעהן (בואַסט).

489) דער פּאַריזער המון האָט בעפרייט די וועלט און האָט דערפאַר צומאָל קיין טרונק־בראַנפען נישט בעקומען (היינע).

490) מאַכט בעזיצט דער יעניגער, וועלכער געווינט דאָס צוטרויען פונ'ם המון (ראַאופּאַק).

491) ווער עס וויל דעם המון געפעלען, וועט אויך באַלד אַזוי ווי ער דענקען (מאָהר).

492) דער אַמאָליגער המון האָט געפאָדערט ברויט און צירק־פאָרשטעלונגען, דער היינטיגער אָבער — פאָדערט ברויט און פרייהייט.

493) אינ'ם קאַמפף צווישען דער אַריסטאָקראַטיע און דעם המון האָט די ערשטע דעם פאָרצוג, דאָס זי קעמפפט פון דער הויך געגען דעם שונא, וועלכער שטעהט אין דער ניעדער (בערנע).

494) די אַריסטאָקראַטיע איז אַ פּיראַמידע, ביי וועלכער אויפ'ן שפּיץ שטעהט דער טראָן, און אונטער דעם פוס־בענקעלע — דער המון (בערנע).

קריעג.

495) צו פיהרען אַ קריעג דאַרף מען האָבען דריי זאַכען: געלד, געלד און געלד (טריוואולציאָ).

496) דער קריעג איז אַ פּראָצעס, וועלכער מאַכט בדלות אויך דעם, וועלכער געווינט איהם (בואַסט).

497) דער קריעג עסט געלד און פאַרטרינקט מיט בלוט (רוסישעס שפּריכוואָרט).

498) ווילסט פריעדען, זיי בערייט צום קריעג (וועגעציוס).

פערשיעדענעס.!

499) אומעגליך — איז נישט קיין פראַנצויזיש וואָרט (נאַפּאָ־לעאָן).

500) איך וואָלט נאָר גלויבען אין אַזאַ גאָט, וועלכער קאָן גוט טאַנצען (ניצשע).

501) וואָס איז מעהרהייט? — אונזין! פערשטאַנד איז נאָר ביי דער מינדערהייט פאַרהאַן (שילער).

502) אום זיך טיילמאָל צו דעמאַסקירען, האָבען די מענשען ערפונדען די מאַסקעראַדע (פיערמאָן).

503) צו אונמעגליכעס דאַרף קיינער נישט שטרעבען (שילער).

504) די קלענסטע האָר וואַרפט איהר שאָטען (געטע).

505) אַ דימענט קאָן נאָר דורך אַ דימענט געשליפען ווערען (באָדענשטעדט).

506) איך שמיץ גלאַנצט, ווען די זון שיינט (געטע).

507) ווער עס איז געבוירען צו קריכען, קאָן נישט פליהען (גאָרקי).

508) אָנטהאָן נייע שטיוועל, הייסט נאָך נישט געהן אויף אַ נייען וועג (מאָהר).

509) נאָרעל־שטעך איז שווערער אָבצוגעבען אַלס שווערד־קלעפּ (בערנע).

510) דער מילנער מיינט, עס וואַקסט ווייץ, נאָר כדי זיין מיהל זאָל קאָנען געהן (געטע).

511) פיעל מעהר זאַכען וואָלטען מיר געטהון, ווען מיר וואָלטען זיי געהאַלטען פאַר ווייניגער אונמעגליך (מאַלערב).

512) מען דאַרף זיך לאָזען בויגען, אָבער נישט ברעכען (געטע).

513) דער צוועק היילינגט די מיטעל (דעוויז פון די יעזואיטען).

514) דער אַפּעטיט קומט מיט דעם עסען (ראַבלע).

515) אין גיהנם איז נישטאָ קיין פעכער (האַמאַהאַקי).

516) פאַר אַ מענשען, וועלכער וויל פּרובּירען, איז קיין אוממעגליכעס פאַרהאַן (אַלעקסאַנדער מוקדון).

517) געטע האָט זיך געפיהלט פאַר אַ צייט-גענאָסע פון יעדער עפּאָכע (אויערבאַך).

518) פון דער נאָהענט קאָן מען אַ באַרג נישט בעטראַכטען (עמערסאָן).

519) געלד האָט קיין ריח נישט (קייזער וועספּאַסיאַנוס).

520) פאַרהאַן מענשען, וועלכע רעכענען צו קענען דעם פויגעל, ווייל זיי האָבען געזעהען דאָס איי, אויס וועלכען ער איז אַרויסגעקראָכען (היינע).

521) וואָס נעהנטער עס קומט צום ציעל, גרעסער ווערען די שוועריגקייטען (געטע).

522) שווער איז צו פערטרייבען דעם וואָלף, ווען ער איז שוין אינ'ם שטאַל (אַראַבּיש שפּריכוואָרט).

523) דער בוים, וועלכען דער ווינד האָט אומגעוואָרפען, האָט געהאַט מעהר צווייגען אַלס בלעטער (חינעזיש שפּריכוואָרט).

524) די קומענדיגע געשעהענישען וואַרפען זייער שאָטען אימער פאָראויס (קעמבעל).

525) אויף וואָסערע שטעלצען מיר זאָלען נישט שטעהן, קאָנען מיר זיך דאָך נישט בעגעהן אָהן אונזערע פיס (בואַסט).

526) ווען פרויען שרייבען, קוקען זיי אימער מיט איין אויג אויף אַ מאַנספּערזאָן (היינע).

527) וואָס וויכטיגער אַ זאַך איז, לוסטיגער דאַרף מען זי בעהאַנדלען (היינע).

528) צום ווייטסטען געהט דער-יעניגער, וועלכער ווייסט נישט וואוהין ער געהט (קראָמוועל).

529) מען געהאָרכט נישט דער מעהרהייט, ווייל זי האָט מעהר פערשטאַנד, נאָר ווייל זי האָט מעהר מאַכט (פּאַסקאַל).

530) לייבען און דעספּאָטען זעהען אין דער פינסטער בעסער ווי אין דער ליכט (בערנע).

531) אַנאונפּאָלקאָמענע פאָלקס־פערטרעטונג איז נישט מעהר, ווי אַ הילפס־מיטעל פאַר אַ דעספּאָטישע רעגיערונג (מאַד. דע סטאַל).

532) אַ דעפּוטאַט איז אַ געזעצגעבער, וועלכער פערפליכטעט זיך פאָראויס צו בעשטעטיגען, דאָס די רעגיערונג איז תמיד גערעכט אָדער תמיד אונגערעכט (דעקורסעל).

533) אָפּאָזיציע — מאָרגענדיגע רעאַקציע (דעקורסעל).

534) מיט שטיקעס קאָן מען אַלעס מאַכען, נאָר נישט זיך זעצען אויף זיי (שפּאַניש שפּריכוואָרט).

535) אַ געוויסער גראַד פרייהייט איז פאַראַן אין יעדער רע־גירונג, דער העכסטער גראַד אָבער — אין קיינער (גענץ).

536) אָפט קאָן איין מענש רעטען אַ נאַציע, אָפטער אָבער קאָן איין מענש זי פערניכטען (בואַסט).

537) די פראַנצויזישע רעוואָלוציע וועט ווערען ביסלעכווייז אי־בערזעצט אין אַלע שפּראַכען... דאַביי דאַרף מען אָבער זעהען, די פעהלער פונ'ם אָריגינאַל אין דער איבערזעצונג אויסצובעסערען (בערנע).

538) נאָך אַ רעוואָלוציע, ווי נאָך אַ באַל, טהוט יעדער אָן זיין פריהערדיגען קאָסטיום (בואַסט).

539) אין אַ רעוואָלוציאָנס־צייט ווערען די מענשען גיכער אָב־גענוצט, ווי קליידער (מאַקאַראָוו).

540) איינער איז זיין גאַנץ לעבען געווען אַ שעפּסעל, און נאָר די רעוואָלוציע האָט פון איהם געמאַכט אַ טיגער (בואַסט).

541) בלוט וואַשט זיך נישט אָב מיט בלוט, נאָר מיט וואַסער (אָריענטאַליש שפּריכוואָרט).

542) לוט'ס ווייב איז געוואָרען אַ שטיק זאַלץ, ווייל זי האָט אַ קוק געטהון צוריק. אַ וואָרנונג פאַר די רעאַקציאָנערען! (בערנע).

543) וואו עס פאַנגען זיך אָן פערפאָלגונגען, ווייזען זיך אויך באַלד מערטירער (טולאָנזשאָן).

544) די ווילדע פון לואיזיאַנא רייסען אוים דעם בוים מיט

װאָרצעל, אום צו עסען זיינע פרוכטען; אַזוי פּוהרען זיך אָפט אַלע דעספּאָטישע רעגירונגען (מאָנטעסקע).

545) די צייט איז דאָס אונבעדינגטע אייגענטום פונ׳ם מענשען (סענעקאַ).

546) יעדען טאָג קאָן מען רעכענען פאַר אַן אָנפאַנג פון אַ נייער עפּאָכע (געטע).

547) ווער עס וויל נישט פערפאַלען ווערען צווישען מענשען, מוז טרינקען אויס אַלע גלעזער (ניצשע).

548) געדענקט צו אַ פרוי, פערגעס נישט די בייטש (ניצשע).

549) טהוט אַלץ, וואָס איהר ווילט, זייט אָבער מענשען, וועלכע קאָנען ווילען (ניצשע).

550) מען קאָן נאָר דעם רעטען, וועלכער וויל גערעטעט ווערען (טאָלסטאָי).

551) מען ווערט קיינמאָל נישט גענאַרט, מען נאַרט זיך זעלבסט (געטע).

552) די גרעסטע שוועריגקייטען ליגען דאָרט, וואו מען זוכט זיי נישט (געטע).

553) איטליכער זעהט אינ׳ם צווייטען דאָס, וואָס ער זעהט אין זיך (מעטערלינק).

554) ביי די שוואַכסטע מענשען געפינט מען די שטאַרקסטע איינבילדונגס־קראַפט (שעקספיר).

555) ווער עס קאָן נישט שווייגען, קאָן קיין גרויסעס נישט טהון (לאַטייניש שפּריכוואָרט).

556) זיך זעלבסט קענען איז פיעל שווערער אַלס אַנדערע (לאַ־ראָשפוקאָ).

557) די גרעסטע שטופע פון פערדאָרבענהייט איז זיך דאַמיט צו ריהמען (סאַלענטינוס).

558) דאָס גליק פערקויפט נאָר, וואו מען מיינט, אַז עס שענקט (סוזעסטר).

559) דאָס פֿאָטערלאַנד פֿונם שקלאַף איז דאָרט, וואו דער שטעקען געפֿינט זיך (ה ײַ נ ע).

560) לײַכטער איז אָנשרײַבן אַ בוך, אַלס גוט פֿאַרברענגען אַ טאָג (מ י צ ק ע ו י ט ש).

561) וואָס גרעסער דאָס ליכט, שטאַרקער איז דער שאָטען (ג ע ט ע).

562) צופֿאַל — אַ פֿערבאָרגענע נויטווענדיגקײַט (ע ש ע נ ב אַ ך).

563) דאָס, וואָס איטליכער דאַרף זיך לערנען לעזען, פֿערדאַרבט נישט נאָר דאָס לעזען, נאָר אויך דאָס דענקען (נ י צ ש ע).

564) געמײַנהײַט איז אַ גרויסע קראַפֿט (ג ע ט ע).

565) דער קעניג איז געשטאָרבען, עס לעבע דער קעניג (פֿראַנצויזיש וואָרט).

566) ווען דער באַרג וועט נישט געהן צו מחמד, וועט מחמד געהן צום באַרג (מ ח מ ד).

567) ליעב איז מיר פּלאַטאָ, דאָך ליעבער איז מיר אָבער די וואַרהײַט (אַ מ אָ נ י ו ס).

568) די עקסטרעמען בעריהרען זיך (מ ע ר ס י ע).

569) יעדער וועג פֿיהרט נאָך רוים (פֿראַנצויזיש שפּריכוואָרט).

570) דער לעהרער האָט געזיעגט בײַ סעדאַן (גראַף מאָ ל ט ק ע).

571) אַלס פּיטהאַגאָראַס האָט ענטדעקט זײַן בעריהמטען לעהרזאַץ, האָט ער מקריב געווען די געטער אַ העקאַטאָמבע (100 אָקסען), פֿון דאַמאָלס אָן ציטערען די אָקסען, יעדעס מאָל, ווען עס ווערט ענטדעקט אַ נײַע וואַהרהײַט (ב ע ר נ ע).

572) פּיטהאַגאָראַס האָט געאָפּפֿערט הונדערט אָקסען צוליעב איין וואַהרהײַט, הײַנט אָבער אָפּפֿערט מען הונדערט וואַהרהײַטען צוליעב איין אָקס (זאַ פֿ י ר).

573) איינפֿאַכהײַט איז אַ צייכען פֿונם אמת'ן זשעניע (בו אַ ס ט).

574) איך ווײס נישט, וואָס פֿאַר אַ ביכער עס לעזען אונזערע פֿילאָזאָפֿען, איך ווײס נאָר, דאָס זיי קלאַפּען אָן אין מײַן טהיר, פּונקט ווי אַלע אַנדערע גריבען (גריכישע מעטרעסע לאַ י ס).

575) בערג געהען אַמאָל צו־קינד און עס ווערט געבוירען אַ לעכערליכע מויז (האָראַציוס).

576) דאָס, וואָס עס ווערט נישט אַרויסגעזאָגט, מאַכט אימער אַ שטאַרקערען איינדרוק, אַלס דאָס, וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט (פינ־דאַר).

577) פאַר נייען יאָהר זאָל מען נישט אַרויסגעבען אַ מאַנוס־קריפט (האָראַציוס).

578) דער דיכטער שטעהט צו הויך, דאָס ער זאָל זיך קענען אַראָבלאָזען צו אַ געוויסער פּאַרטיי (געטע).

579) פּאָעזיע איז די ערהאַבענסטע פאָרם, אין וועלכע עס קאָן זיך איינהילען דער מענשליכער געדאַנק (לאַמאַרטין).

580) פאַר־וואָס בעזינגסטו די רויז, אַריסטאָקראַט! בעזינג ליעבער די דעמאָקראַטישע קאַרטאָפעל, וועלכע ערנעהרט דאָס פאָלק (היינע).

581) די פּאָעזיע שטאַרבט נישט (צענדריני).

582) ווער עס בערימט זיך, דאָס ער ווייס אַ געהיימניס, האָט איין העלפט שוין ענטדעקט, און די אַנדערע העלפט וועט ער אויך באַלד ענטדעקען (זשאַן פּאָל).

583) ווען איינער נאַרט מיך איינמאָל, זאָל איהם גאָט שטראָ־פען, — צוויי מאָל, זאָל גאָט איהם און מיך שטראָפען, — דריי מאָל, זאָל גאָט מיך אַליין שטראָפען.

584) די שטערנינען טריאומפירען איבער דעם שוואַכען און ווערען בעזיעגט פונ'ם שטאַרקען (לעהדי בלעסינגטאָן).

585) קלערענדיג וועגען דעם, וואָס איהרווילט ערווערבען, פערגעסט נישט אָן דעם, וואָס איהר קאָנט פערליערען (רוסאָ).

586) אַ קלוגער קעמפפער האַלט זיין שונא קיינמאָל נישט פאַר גרינג (שילער).

587) ווי איינער, אַזוי איז זיין גאָט (געטע).

588) ווי איינער, אַזוי איז זיין סטיל (ביופפאָן).

589) זיעגען אין דער פינסטער, הייסט — גנבענען די לאָרבערען (וויענע).

590) פון ליעבעס-ליידען האט זיך דער-יעניגער צום בעסטען אויסגעהיילט, וועלכער האט זיך פריה געהיילט (לאראשפוקא).

591) אפערא — דאס, וואס איז אזוי נארישׁ, דאס מען שעמט זיך עס צו זאגען און עס ווערט דארום געזונגען (בָאמארשע).

592) די טואלעט איז א פאר-רעדע צו א פרויענצימער (און אמאל אויך דאס גאנצע בוך (שאמפאר).

593) אנ'אונווּיסענדער איז נאר לאנגווייליג, א פעדאנט אבער — אונערטרעגליך (נאפאלעאן).

594) ווער עס אונטערשיידעט גוט, לערנט גוט (ל. שפריכ-ווארט).

595) ווען צוויי מענשען טהוען דאסועלבע, איז עס דאך נישט דאסועלבע (טערענציוס).

596) די קונסט איז נישט דאס ברויט פונ'ם לעבען, נאר זיין וויין (זשאן פאל).

597) די וואהרהייט מוז ווערען ארויסגעזאגט און מעג דאדורך אונטערגעהן די גאנצע וועלט (פיכטע).

598) די פאעטען ווילען אונז ברענגען פערגעניגען אדער נוצען (האראציוס).

599) די מליצה, דאס בין איך (לודוויג דער פירצעהנטער).

600) איך געה זוכען אגרויסען פיעלייכט. לאזט צוראם דעם פארהאנג; די קאמעדיע איז אויסגעשפיעלט (ראבילע'ס לעצטע ווערטער).

601) נאר איין מענש האט מיך פערשטאנען, און דער איינער האט מיך אויך נישט פערשטאנען (העגעל'ס לעצטע ווערטער).

602) זשאן געדט אוועק, אזוי ווי ער איז געקומען (זשאן דע לאפאנטענ'ס לעצטע ווערטער).

603) איך האב גוט געשפיעלט מיין ראלע, אפלאדירט מיר (קייזער אויגוסטוס אקטאוויאנוס'עס לעצטע ווערטער).